STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04161

DERUSHIM LE-YAMIM NORAIM ULE-HAGIM U-MOADIM

Samuel Rabinowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוצר הדרוש וההטפה



דרושים

לימים נוראים ולחגים ומועדים

מאת

הרב שלום ראבינאָוויץ

OZAR HADRUSH V'HAHATAPHA

AN ENCYCLOPEDIA OF JEWISH HOMILETICS

by

RABBI SAMUEL RABINOWITZ

Copyright by Rabbi Samuel Rabinowitz, 1930.

אינהאַלטס פאַרצייכענים:

אלול ווינטען — דרוש לשבת מברכין ר"ח אלול — — — — — — — — 3

סליחות געדאַנקען — דרוש לסליחות — — — — — — — — — — — 12

יום הזכרון — דרוש א' לראש השנה — — — — — — — — — — 17

השופר — דרוש ב' לראש השנה — — — — — — — — — — — 23

הלום חלמתי — דרוש לשבת שובה — — — — — — — — — — 28

כל נדרי — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 38

דרוש ליום כפור — — — — — — — — — — — — — — — — 45

דרוש ב' ליום כפור (ענגליש) — — — — — — — — — — — — 81

ארבעה מינים — דרוש א' לסוכות — — — — — — — — — — — 52

חג הסוכות — דרוש ב' לסוכות — — — — — — — — — — — 62

קהלת — דרוש לשבת חוהמ"ס או לשמיני עצרת — — — — — — — 68

נ א ָ ט י ם

מען קען נאָך בעקומען די פריהערדיגע נומערען פון אוצר הדרוש וההטפה אויף ספר בראשית און ספר שמות מיט די ארבע פרשיות.

פרייז פון ס' בראשית ניט געבונדן $1.50 — געבונדען $2.00

פרייז פון ס' שמות, ניט געבונדען $2.00 — געבונדען $2.50

אויב איהר פאַרשטעהט ענגליש קענט איהר נאָך אויך קריגען מיינע ענגלישע ווערק אין סאָציאָלאָגיע:

Capitalism , געבונדען אין קלאָטה $1.00

Labor and Liberty , געבונדען אין קלאָטה $1.50.

א מאָדערנער רב מוז היינטיגע צייטען וויסען די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער וועלט — אויב ניט, קען ער ניט האָבען קיין איינפלוס אויף זיינע צוהערער, ווייל זיי פיהלען אז ער איז א בטלן.

אוצר הדרוש וההטפה

אלול ווינטען

דרוש לשבת מברכין ר״ח אלול

א גרויסער שטורם הויבט זיך אויף אין יודענטהום מיט דעם אנקומען פון חודש אלול. עס באווייזען זיך פלוצלינג גרויסע סיינס אויף די ווענט פון די שוהלען מיט שרייענדע רויטע און גרינע און געלע אותיות: **קומט קויפען אייערע טיקעטס ביי אונז!** נאך גרוים מיה א. ז. וו. א. ז. וו. איז אונז געלונגען צו באקומען דעם קעניג פון אלע חזנים, **חזן פיצעריצע!** — און אויפ'ן צוויטען בלאק שרייט אנאנדער שוהל: **קומט צו אונז!** איהר וועט שעפען פארגעניגען עמערס־וויים פון דעם יונגען קאנאריקעל **יעקעלע סמענדריק!** די מוכרי ספרים פאנגען שוין אן אויסצולופטערען זייער סטאק פון טליתים און מחזורים. וואו ניט וואו באווייזט זיך שוין אויך אין ווינדאו א סיין פון אתרוגים, און איבער'ן גאנצען אידישען קווארטאל פאנגען זיך אן צו פיהלען צייכענס פון גרוים באוועגונג.

נון, די נאטורפארשער זאגען אונז, אז **ווינטען קומען אויסצופילען** א „וויקענסי", דאס הייסט א פוסטקייט אין דער לופט. דער שטורעם אין דעם אידישען לעבען ימים־נוראים־צייט קומט אויך אויסצופילען די פוסטקייט וואס הערשט אין אונזער לעבען אין אמעריקא דעם גאנצען יאהר.

פוסט איז דער לעבען פון ארבייטער אין אמעריקא; ער איז א טהייל פון דער מאשין אויף וועלכער ער ארבייט; זיינע געדאנקען זיינען פארנומען מיט מאטעריאליזם; וויידזשעס... ברויט... יוניאן... סלעק... א. ז. וו. — אין די אלטע לענדער איז דער מוח פון ארבייטער געווען דורכגעדרונגען מיט גייסט... איז ער געווען א משכיל, האט ער זיך אבגעגעבען מיט אידעאליסטי־שע ארבייט. איז ער געווען א שוהל איד האט ער יעדען טאג געלערנט אדער געהערט תורה פון אנאנדערען אין זיין קלויז; ער האט געגעבען די קינדער לערנען און איז געווען שטאלץ ווען זיי האבען זיך אויסגעצייכענט; ער האט געשפייזט פרעמדע קינדער, כדי זיי זאלען קענען זיצען און לערנען. — א געוויסען אינצידענט פון מיינע קינדער־יאהרען וועל איך אימער געדענקען: אן ארימע פרוי איז געקומען צו מיין מוטער פארקויפען גארטען־געוויקס; מיין מוטער האט געפרובירט אבדינגען פון פרייז; „רייסט ניט אב די צעהן קאפיקעס פון מיין קינד", — האט די ארימע פרוי געזאגט, — „איך שיק איהם היינט אוועק אין דער ישיבה און איך דארף איהם דאס מיטגעבען אויפ'ן וועג". מעהר האט זי שוין נישט געדארפט ריידען.

פוסט איז דער לעבען פון ביזנעס־מאן אין אמעריקא; זיין העכסטער וואונש איז צו „ריטיירען" פון ביזנעס, און וואס וועט ער טהאן אז ער וועט שוין האבען גענוג געלט און וועט ריטיירען פון ביזנעס? ער וועט פארען זומער אין די מאונטיינס שפילען פינאקל און ווינטער אין פלארידא שפילען

פינאקל... אין דער אלטער לאנד א גביר, אויב ער איז געווען א למדן האט ער געזאגט דעם בלאט פאר'ן עולם, איז ער געווען אן עם הארץ, האט ער זיך קונה שם געווען מיט זיין צדקה.

פוסט איז דער לעבען פון פרויען אין אמעריקא; זייער קאפ איז פארנומען מיט מאדעס און מיט די לעצטע רכילות־נייעס, און זייער צייט איז פארנומען מיט ברידזש־פארטיס, טעאטערס און מאווינג פיקטשורס. — זיי באקלאגען זיך אפט אז זיי זיינען קראנק; זייער קראנקהייט איז דאס רוב וואס עס פעהלט זיי א אידעאל אין לעבען... זיי עקזיסטירען, אבער אהן א צוועק פון לעבען.

פוסט איז דער לעבען פון די אידישע יוגענד. אין די גאנץ אלטע צייטען איז געווען דער העכסטער וואונש פון א אידישען בחור צו קלינגען אלס „עילוי", אויב ניט א עילוי כאטש א מתמיד (ווייל דאס האט יעדער געקענט ווערען). — שפעטער איז געקומען די השכלה, און אנשטאט צו לערנען תורה לשמה, האבען זיי אנגעפאנגען צו לערנען וויסענשאפט לשמה. — נאך שפעטער איז געקומען דער קאמף פאר פרייהייט, און אידישע יונגע לייט האבען זיך אריינגעווארפען אין דיזען קאמף מיט דעם גאנצען פייער פון זייער נשמה; צי האט עס געלוינט צי ניט — איז דא ניט די פראגע; אלץ וואס איך וויל דא אנדייטען איז, אז דאס לעבען פון די אידישע יוגענד איז געווען פול מיט אידעאל. — די יוגענד אין אמעריקא האט ניט קיין אידעאל; זייערע העכסטע חלומות איז זיך אויסצוצייכענען אין בייז־באל און אין פוט־באל; אפילו ווען זיי גייען אין אוניווערזיטעט און לערנען לאא אדער מעדיצין, איז דאס ניט צוליב דורשט נאך וויסענשאפט, נאר צוליב די לייכטע דאלארס וואס דיזע פראפעסיאנען האבען בכח צו ברייגגען...

אלזא, עס געפינט זיך א שרעקליכע פוסטקייט אין דעם אידישען לעבען אין אמעריקא און דאריבער איז דער שטורם אזוי גרויס, ווען עס קומען אן די הייליגע טעג — ווייל וואס גרעסער די פוסטקייט אלץ גרעסער דער שטורם וואס ברעכט אוים איהר אויסצופילען...

* * *

די רפואה דערצו האט אונז רב געזאגט אין דעם יהי רצון פון ראש חודש בענשען: רב בתר צלותיה אמר הכי, יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתתן לנו חיים ארוכים חיים של שלום חיים של טובה חיים של ברכה חיים של פרנסה חיים של חילוץ עצמות חיים שיש בהם יראת חטא חיים שאין בהם בושה וכלימה חיים של עושר וכבוד חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים חיים שתמלא לנו את כל משאלות לבנו לטובה (ברכות י"ז ע"ב).

דער לשון פון דער „גמרא: „רב נאך זיין תפילה האט אזוי געזאגט: יהי רצון מלפניך" א. ז. וו. איז ניט לאגיש; דער יהי רצון איז דאך אויך א תפילה, טא ווי אזוי קאן מען זאגען: נאך זיין תפילה האט ער געזאגט די תפילה פון יהי רצון? עס קומט אוים אזוי ווי יעמאנד זאל זאגען: „נאכ'ן עסען האב איך ליעב צו עסען דיזען אדער יענעם מאכל". וועט מען איהם פרעגען: וויבאלד אז דו עסט נאך א מאכל, ווארום רופסטו דאס נאכ'ן עסען?

דער ענטפער איז, אז דער ווארט „צלותא" מיינט א תפילה פאר די צרכי הגוף (כמו שמצינו בהרבה מקומות: בעי רחמי ואצלי) — און דיזער מאמר מיינט אונז צו זאגען אז נאכדעם ווי רב האט תפילה געטאן פאר

קערפערליכע זאַכען האָט ער געזאָגט דיזען יהי רצון פאַר צרכי הנפש. און יעצט וועלען מיר ערקלערען זיינע הייליגע ווערטער איינציגווייס.

חיים ארוכים — מיינט אַ לעבען מיט אַ סיסטעם וואָס קיין טאָג פון איהם איז ניט קיין פאַרלאָרענער. עס איז פאַראַן אַ לעבען וואָס קאָן גע־גליכען ווערען צו זאַמד; זאַמד קאָן מען ניט מעסטען אין דער לענג, ווייל די איינציגע קערנער דערפון האָבען ניט קיין שום פאַרבינדונג אָדער צוזאַמענ־האַנג איינער מיט'ן אַנדערען; אַזוי זעט מען אויך געוויסע מענשען וואָס זייערע מעשים האָבען ניט קיין צוזאַמענהאַנג איינער מיט'ן אַנדערען; אַט זעהט איהר איהם דאַווענען פאַר'ן עמוד, און אַט זעהט איהר איהם עסען אין אַ טרפה'ן רעסטאָראַנט, אַט לייענט ער אין דער תורה און אַט טהוט ער ביזנעס אום שבת. מיט איין וואָרט — זיינע מעשים זיינען ניט „אויסגעהאַל־טען", זיי האָבען ניט קיין צוזאַמענהאַנג איינער מיט'ן צווייטען אַזוי ווי די איינציגע קערנער אין אַ הויפען זאַמד. רב האָט אונז געבענשט און צו דער זעלבער צייט געוואָרנט אַז מיר זאָלען לעבען „חיים ארוכים", דאָס הייסט אַ לעבען אין וועלכען אונזערע מעשים זאָלען זיין צוזאַמענגעשלאָסען איינע מיט די אַנדערע אַזוי ווי די רינגעלאך פון אַ קייט וואָס מען קען איהר מעסטען אין דער לייעג. דער אמת'ער איד דאַרף האָבען אַ טעאָריע אין לעבען און דאַרף אויך האָבען געגוג ווילענסקראַפט אויסצופאָלגען דעם באַ־שלוס וואָס ער האָט אָנגענומען אין לעבען, דאַן וועט מען קענען אָנרופען זיין לעבען חיים ארוכים.

* * *

חיים של שלום. — שלום איז דער מאַגנעטישער וואָרט וואָס פעהלט אוים אין אידישען לעבען; דאָס אידישע פאָלק איז אַ וואונדערבאַרע פאָלק; עס איז רייך, געלערענט, קלוג, און דאָך איז עס דאָס שוואַכסטע פאָלק אויף דער וועלט; שוואַכער ווי סאַן מאַרינאָ, די קלענסטע מדינה אויף דער וועלט; קיינער האָט ניט קיין מורא אונז צו פאַרפאָלגען אָדער אונז צו באַליידיגען — אונזער שוואַכקייט איז אונזער אונאייניגקייט; אויפ'ן געביט פון רע־ליגיאָן זיינען מיר צוטיילט אויף אָרטהאָדאָקסען, רעפאָרמער, און האַלבע רעפאָרמער; אויפ'ן געביט פון נאַציאָנאַליזם זיינען מיר צוטיילט אויף ציוניסטען, מזרח'יסטען, רעוויזיאָניסטען, פועלי־ציוניסטען, א. ז. וו. אונזערע רבנים זיינען צוטיילט אין פינף־זעקס לאַגערען; די קאָנווענשאָנס וואָס זיי מאַכען גאַנץ אָפט, נוצען זיי אוים צו קיבעצען זייערע געגנער... אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט זיינען מיר צוברעקעלט אויף יוניאָניסטען רעכטע און לינקע, סאָציאַליסטען, קאָמוניסטען; אין קהל'שען לעבען זיינען מיר צוטיילט אויף ליטוואַקעס, פוילישע, גאַליציאַנער, אונגאַרן, א. ז. וו. יעדע גרופע פון זיי מאַכט זיך אַן אייגענעם אונטערשטיצונג פאַראיין, מיט אייגענע קרקע און אייגענע אָנדערטייקערס, אפילו די קערעדזשעס נאָכ'ן טויט מוזען זיין אונגאַרישע קערעדזשעס, און די פערד מוזען זיין אונגאַרישע פערד... און אַזוי אויך באַ די גאַליציאַנער און ליטוואַקעס. איז עס אַ וואונדער וואָס די ניט אידישע וועלט האָט פאַר אונז קיין מורא און קיין דרך ארץ?

דאָס איז די אורזאַכע וואָס רב האָט אין זיין תפילה פאַר אַ נייעם גייסטיגען לעבען אין דעם קומענדיגען חודש, האָט אָוועקגעשטעלט די תפילה חיים

של שלום סאמע אויבנאן; ער האט געפיהלט אז אהן שלום קאנען מיר קיין זאך ניט ערךייכען, און מיט שלום קאנען מיר אלעס ערךייכען.

* * *

חיים של טובה — דער ווארט „טובה" האט אלעמאל געהאט אן איינענארטיגע מיינונג ביי אונז אידען, נעמליך, **א טובה וואס איינער טהוט מיט א צווייטען, ניט ערווארטענדיג קיין שום באלוינונג פאר דעם.** דעם ערשטען מאל וואס מיר געפינען דיזען ווארט אין דער תורה איז ווען גאט האט באשאפען די ליכט: „וירא אלהים את האור כי טוב" — פרעגט זיך די פראגע: האט דען גאט ניט געוואוסט בעפאר אז ליכטיגקייט איז גוט, ער זעלבסט איז דאך דער קוואל פון ליכטיגקייט? דער תירוץ איז אז דיזער „כי טוב" מיינט ניט פאר איהם זעלבסט, נאר ער האט געזעהן אז די ליכט איז גוט פאר דער וועלט, וואס ער האט אנגעהויבען צו באשאפען; און אזוי קאן מען באווייזען פון פיעלע ערטער פון תנ"ך אז „טובה" מיינט א געפעליג־קייט וואס איין מענש טהוט מיט א צווייטען „שלא על מנת לקבל פרס".

איינע פון די אידישע מדות וואס האבען געהאלפען אונזער פאלק דורכ־צולעבען אזא פינסטערען גלות איז די מדה פון טהאן טובות איינער מיט דעם אנדערען. אין די קליינע שטעטלאך זיינען געווען פיעלע ארימע אידען וואס האבען קיין איינענעם קאפיטאל ניט געהאט און פון דעסטוועגען האבען זיי געפיהרט געשעפטען, חתונה געמאכט קינדער א. ז. וו. — ווי אזוי? זיי האבען זיך געקירעוועט מיט פרעמדע געלט. דער ארימער אידישער סוחר האט נאר גאט געבעטען ער זאל איהם צושיקען עפעס א מציאה'לע צו קויפען; אי וואס, וואו נעמט מען די געלט וואס מען דארף קודם כל באצאהלען דערפאר? מען וואונט דאך ניט אין וואלד! מען געהט אריין צו א דערבייאיגען שכן און מען כאפט אויף עטליכע טעג א צענערעל אדער אפילו א פינף־און־צוואנציגער. — איך וויים שטעטלאך וואו די מעהרסטע בעלי בתים האבען געלעבט און געפיהרט ביזנעס פון דעם סארט „כאפען אפאר רובעל" איינער פון אנדערען.

אין אמעריקא אז א איד געהט אריין צום צווייטען און דערצעהלט איהם אז עס מאכט זיך איהם א מציאה וואו ער קאן פארדינען עטליכע הונדערט דאלאר, נאר עס פעהלט איהם די קעש, און דאריבער איז ער דאס געקומען צו זיין פריינד בארגען ביי איהם עטליכע דאלאר. —הערט זיך יענער אויפ־מערקזאם צו, און נאכדעם ווי ער פיהלט אז די געלט איז זיכער, גיט ער איהם גלייכגילטיג א פרעג: און וואס וועל איך האבען דערפון? — וואס הייסט וואס וועסטו האבען דערפון? דערפאר בין איך דאך דאס געקומען צו דיר דו זאלסט מיר טהאן א טובה? — „א טובה! וואס דיינקסטו, דא איז שניפישאק? אין אמעריקא זיינען ניטא קיין אומזיסטע טובות; פאר געלט קריגט מען טובות, אהן געלט קויפט מען ניט קיין מציאות"... און איהר מעגט שוין זיכער זיין, אז דער גרעסטער טהייל פון דעם פראפיט וואס דער ארימער איד האפט צו מאכען אין דעם מסחר וועט שוין בלייבען בא דיזען גוטען ברודער, דעם מלוה...

מיר מעגען דאריבער תפילה טהאן מיט'ן גאנצען הארצען, אז גאט זאל

אונז אומקעהרען צוריק דעם „חיים של טובה“, וואָס מיר האָבען אין דיזען לאַנד פאַרלאָרען.

* * *

חיים של ברכה. — גאָט האָט אַמאָל געבענשט אונזער פאָטער אברהם מיט די ווערטער „והיה ברכה“. וואָס מיינען דיזע ווערטער? אויב זיי מיינען אַז די וועלט וועט זיך בענשען מיט איהם, ווארום האָט ער נאָכהער ווידערהאָלט „ונברכו בך כל משפחות האדמה?“ — נאָר די שווערסטע קשיא איז וואָס מיר זעהען אַז דיזע ברכה איז ניט מקויים געוואָרען; אַנשטאָט די פעלקער זאָלען זיך מיט אונז בענשען, שילטען זיי אונז גאָר!

איהר וועט אָבער זעהען אַ מאָדנע ערשיינונג, אַז צו דער זעלבער צייט ווען די פעלקער פאַרפאָלגען אונז און פאַרשפּאָטען אונז עפענטליך, פיהלען זיי צו דער זעלבער צייט די אידישע מעלות און זיי ווינשען זיך אַז זייערע זיהן זאָלען זיין אַזוי עהרליך און אַזוי ניכטער און אַזוי געטריי צו זייערע עלטערען ווי די אידישע יונגעלייט, און אַז זייערע טעכטער זאָלען האָבען אַזעלכע גוטע מענער ווי די אידישע מענער זיינען. איהר וועט באַמערקען אַז ווען נאָר עס טרעפט (הלואי זאָל עס ניט טרעפען) אַז אַ אידישער בחור פאַרליבט זיך אין אַ קריסטליכער מיידעל, אָדער פאַרקעהרט, קומט די גרעסטע אָפּאָזיציע מצד די אידישע עלטערען; זיי וויינען און שרייען און בעטען זיך ביים קינד ער זאָל זיי ניט פאַרשווארצען די אויגען, אָבער די קריסטליכע עלטערען האָבען כמעט קיינמאָל ניט דאַגעגען זיך מתחתן צו זיין מיט אַ אידען — זיי וועלען אייך זאָגען אָפען אַז זיי ווייסען אַז עס גיבען ניט קיין בעסערע מענער צו זייערע פרויען ווי די אידישע מענער, און קיין געטרייערע פרויען צו זייערע מענער ווי די אידישע פרויען. — די געשיכטע פון בלעם'ן ווידערהאָלט זיך אין יעדער צייט און אין יעדער לאַנד; ער איז געקומען מיט דער כוונה צו שילטען, אָבער צום סוף האָט ער ניט ווילענדיג געבענשט...

אַלזאָ, עס איז ניט אמת אַז דער „ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך“ איז ניט מקויים געוואָרען; אפילו די גרעסטע אַנטיסעמיטען בענשען זיך אין דער שטיל מיט אידישע קינדער. מיר דאַרפען נאָר תפילה טאָן צו גאָט אַז מיר זאָלען אימער ווערט זיין די וועלט זאָל זיך מיט אונז בענשען (דאָס איז אין אמת'ן דער פשט פון די ווערטער „והיה ברכה“, דאָס הייסט דו זאָלסט ווערט זיין די ברכה פון דער וועלט).

דאָס איז וואָס דער תנא האָט געמיינט ווען ער האָט געבעטען אין זיין תפילה אויף **חיים של ברכה.** — איהר וועט באַמערקען אַז ער האָט ניט געזאָגט „חיים מבורכים“, ווי עס קומט אויס על פי חוקי הלשון, אויב ער וואָלט געמיינט „אַ געבענשטער לעבען“, נאָר ער האָט געזאָגט: „חיים של ברכה“, דאָס הייסט אַ לעבען וואָס זאָל ווערט זיין די ברכה פון דער וועלט.

* * *

חיים של פרנסה. — ווען דער חזן קומט צו חיים של פרנסה, ווערט אַ געשריי, אַ געוויין אין שוהל, די מענער שרייען, די ווייבער וויינען אויפ'ן קול. — אַנדערע האַלטען דיזע ערשיינונג אַלס אַ צייכען פון פראָסטקייט, אָבער אַז מען באַרעכענט די זאַך ערנסטער, קאָן מען געפינען דאַרין אַ גוטע

זייט אויך — אמווייניגסטען באוויזט דאך דאס אז זיי גלויבען באמונה שלמה אז זייער פרנסה קומט פון די האנד פון גאט.

„פרנסה" מיינט א לעבען פון ווינט; קיינער וועט ניט פרעגען אן אַרבייטער פון טאג אדער פון שטיק אויב ער האט „פרנסה"; איהם פרעגט מען, צו האסטו ארבייט? — א סוחר, א קרעמער פרעגט מען: האסטו פרנסה? — אידישע פרנסות אין גלות זיינען אלעמאל געוועזן פון ווינד. אשא עיני אל ההרים; אזא פרנסה איז זייער ביטער, אבער עס האט אויך א מעלה אז דאס ברייגנט דעם אידען צו האלטען די אויגען שטענדיג אויפ־געהויבען צו גאט. — אין אמעריקא זיינען די גרעסטע צאל פון אונזערע אחינו בני ישראל ארבייטער; אנשטאט צו האלטען די אויגען אויפגעהויבען צו גאט האלטען זיי די אויגען אויפגעהויבען צום באס; אמאל אז מען האט געפרעגט א אידען: ווי געהט עס דיר? האט ער געענטפערט: גאט צו דאנקען! היינט אז מען פרעגט א אידען די זעלבע פראגע, ענטפערט ער: מען מאכט א לעבען! — עס איז א גרויסער חילוק צווישען דיזעביידע ענטפערס. — אמאל ווען די ווייב האט זיך באקלאגט אז זי האט ניט אויף הוצאות, האט דער מאן געענטפערט: „זארג ניט, גאט וועט העלפען!" — יעצט אז ער וויל טרייסטען דער ווייב, זאגט ער: „זארג ניט, מיר וועלען געווינען דעם סטרייק!" — עס איז אן אומגעהויערער אונטערשייד צווישען דיזע ביידע מאמרים.

און דאריבער האט רב תפילה געטאן אויף חיים של פרנסה, דאס הייסט מיר זאלען לעבען אזא סארט לעבען אז מיר זאלען פיהלען אז אונזער ברויט קומט פון גאט. (השם „פרנסה" מורה על פרנסה הבאה מיד אחר, כמו שמצינו: פרנסני ככלב וכעורב).

* * *

חיים של חילוץ עצמות — דיזער חיים איז שווערער צו פארשטעהן, ווי אלע איבריגע חיים'ס; וואס איז דאס פאר אן ארטיקעל „חיים של חילוץ עצמות?" — אין דעם נייעם העברייאיש מיינט „חילוץ עצמות" גימנאסטיק, אזוי ווי ביים־באל, פוט־באל, באקסינג, רעסלינג, א. ז. וו. קיינער וועט ניט זאגען אז רב האט געמיינט אויסצובעטען פאר אונז דייזען סארט חילוץ עצמות, ווייל דיזען סארט חילוץ עצמות פראקטיצירען אידישע יונגע לייט מיט גרויס חשק אהן א יהי רצון... מיר מוזען דאריבער זוכען אנאנדער מיינונג אין דיזע ווערטער.

דער ווארט „עצם" מיינט „זעלבסט", אזוי ווי: בעצם היום הזה (אין דעם זעלבען טאג), אדער „אני בעצמי" (איך זעלבסט). — נון, דער „איך" און דער „זעלבסט" שפילט די גרעסטע ראלע אין אונזער מאטעריאליסטישער וועלט; צוליב דעם „איך" קומען פאר די גרעסטע שטרייטיגקייטען צווישען ברידער; צוליב דעם „איך" נעמט איינער ביים צווייטען צו די לעצטע שטיקעל ברויט; צוליב דעם „איך" הערשט אויף דער וועלט קנאה און שנאה און פארברעכען און בלוט־פארגיסונג.

דער תנא רב האט גענומען קלערען, ווארום זאל ניט הערשען אויף דער וועלט חיים של שלום? ווארום זאלען נאציאנען זוכען צו פארניכטען איינע די צווייטע? איז די ערד צו קליין פאר זיי? — און ווארום זאל יעדער ניט קאנען לעבען קיין חיים של פרנסה? איז די ערד ניט פרוכטבאר גענוג?

ג'ט זי ניט ארויס יעדען יאָהר געגוג שפייז פאַר אַלע איהרע קינדער? — ביז ער איז געקומען צום באַשלוס אַז שולדיג אין דעם איז „סעלפישנעס", דאָס הייסט וואָס יעדער זאָרגט נאָר צו באַפרידיגען דעם אייגענעם „איך", און קוים האָט ער זיך צופרידענגעשטעלט, מעג פון זיינעטוועגען די איבריגע וועלט אונטערגעהן — אַזוי ווי קעניג לואיס דער פופצעהנטער האָט געענטפערט, ווען מען האָט איהם געזאָגט אַז נאָך זיין טויט וועט געווים אויסברעכען אַ רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך. — דער קעניג האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געזאָגט: נאָך מיר מעג קומען דער מבול!

זעהענדיג דיזע טענדענץ פון דער וועלט, האָט רב תפילה געטאָן אויף חיים של חילוץ עצמות. ד. ה. אַז גאָט זאָל אונז העלפען ארויסצונעמען דעם „איך" און דעם „זעלבסט" פון אונזערע געדאַנקען, און זיך בעסער דערמאָנען אָן דעם „וחי אחיך עמך", אַזוי גוט ווי איך וויל לעבען האָט דער צווייטער אויך אַ רעכט צו לעבען.

* * *

חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא. — דער העכסטער סאָרט יראת שמים איז וואָס די בעלי המוסר רופען אָן יראת הרוממות, דאָס הייסט די געטליכע התפעלות וואָס אַ מענש קריגט ווען ער נעהמט בעטראַכטען די גרויסקייט פון גאָט און די קליינקייט פון דעם מענשען; אַזוי ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט: כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת, מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו — ווען איך זעה דיינע הימלען, די ווערק פון דיינע פינגער, די לבנה און די שטערען וואָס דו האָסט איינגעריכטעט, שריי איך אויס: אה, גאָט! וואָס איז דער מענש אַז דו זאָלסט איהם געדיינקען; אַ מענשענקינד אַז דו זאָלסט איהם האַלטען אין זינען! — אָט דיזער סאָרט יראת ה' הייסט יראת שמים. אָבער צו דער מדרגה האָבען נאָר געקענט קומען די פאַרצייטיגע דורות, די דורות פון תנ"ך און פון תלמוד — אין די צייטען פון אונזערע אייגענע טאַטעס האָט מען שוין געמוזט האָבען אַ קעלמער מגיד וואָס זאָל שרעקען די אידעלאַך מיט'ן גהינם — פאַר'ן גהינם האָבען זיי זיך נאָך אַביסעל געשראָקען. דיזע מדרגה איז שוין אַ נידעריגערע, זי הייסט יראת חטא. — מיר אַליין האָבען אָבער דערלעבט אַזעלכע צייטען, אַז דער גהינם האָט שוין אויך אויף אונז קיין ווירקונג ניט. — אַז אַ מגיד זאָל זיך אַוועקשטעלען אויף אַן אַמעריקאַנער בימה און זאָגען זיין עולם דאָס וואָס דער קעלמער האָט אַמאָל געזאָגט, וואָלט מען איהם אויסגעלאַכט אין די אויגען.

יעצט קאָן מען שוין גאַנץ קלאָר פאַרשטעהן די ווערטער פון דעם הייליגען תנא, ווען ער האָט געזאָגט: חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא — ער האָט געבעטען צום ערשטען אויף יראת שמים (ד. ה. יראת הרוממות), און אויב ניט דאָס, זאָל כאָטש זיין בא אונז יראת חטא, זאָל כאָטש אַ אידעלע מורא האָבען פאַר'ן גהינם...

* * *

חיים שאין בהם בושה וכלימה. — איך האָב אַמאָל געהערט אַ איד אַ ווויצלינג זאָגען, אַז איין תפילה איז מקויים געוואָרען אויף אַמעריקאַנער

אידען, דאָס איז די תפילה „חיים שאין בהם בושה וכלימה" — עס זיינען פאַראַן אַ סך אידען אין אַמעריקאַ וואָס האָבען ניט קיין בושה און קיין חרפה...

אלס וויץ איז דאָס ניט שלעכט, אָבער דעם אמת'ן פשט פון דיזער תפילה קאָן מען פאַרשטעהן מיט פאָלגענדען משל: אַ געוויסער חולה מסוכן איז נעבאַך געלעגען צו בעט מיט גרויסע וועהטאָגען. ווען די פאַמיליע האָט זיך דערוואוסט אַז אַ גרויסער צדיק איז געקומען צופאָהרען אין שטעטעל, די פאַמיליע האָט געפּועל'ט ביים צדיק ער זאָל קומען געבען דעם חולה זיין ברכה, און ער האָט איהם געבענשט מיט פאָלגענדע ווערטער: יהי רצון אַז איך וועל קומען צו דיר אַ צווייטען מאָל זאָל איך ניט געפינען מעהר קיין מעדיצין אויף דיין טיש! אַ יאָהר שפּעטער איז דער צדיק ווידער דורכגע־פאָהרען דאָס זעלבע שטעטעל און האָט ווידער באַזוכט דעם זעלבען חולה. ווי דער חולה האָט איהם דערזעהן האָט ער אָנגעפאַנגען שרייען: נעהמט אוועק דעם גזלן פון מיר! לא די וואָס איך בין ניט געזונד געוואָרען פון זיין ברכה, בין איך נאָך דערצו פאַראָרימט געוואָרען, אַז איך האָב אפילו ניט כיט וואָס צו קויפען קיין מעדיצין! — ווען דער צדיק האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַ'ן קאָפּ און האָט אויסגעשריען: מיין גאָט! איך פאַרשטעה שוין וואָס דאָ איז געשעהן! איך האָב ניט ריכטיג מתפלל געווען; איך האָב איהם געבענשט אַז ווען איך וועל קומען אַ צווייטען מאָל זאָל זיך קיין מעדיצין ניט געפינען אויף זיין טיש, אלזאָ איז מיין ברכה מקויים געוואָרען אַז ער איז פאַראָרימט געוואָרען און האָט ניט מיט וואָס צו קויפען קיין מעדיצין! איך האָב איהם געדאַרפט בענשען „אַז ער זאָל מעהר ניט **דאַרפען** קיין מעדיצין!"

יעצט קאָנען מיר שוין גאַנץ גוט פאַרשטעהן די ווערטער פון די אויבען דערמאָנטע תפילה. — „חיים שאין בהם בושה וכלימה" מיינט ניט, אַז מיר זאָלען ניט האָבען קיין שאַנדע — אויב עס וואָלט געמיינט אַזוי, וואָלט עס געשטאַנען „חיים שאין בנו בושה וכלימה" — נאָר עס מיינט אַז מיר זאָלען לעבען אַזאַ אַרט לעבען שאין **בהם** בושה וכלימה, ד. ה. עס זאָל זיך ניט געפינען קיין זאַך אין אונזער לעבען מיט וואָס מיר זאָלען זיך **דאַרפען** שעהמען.

* * *

חיים של עושר וכבוד. — איך קען אַ סך מענשען, וואָס זייער גליק איז אַז זיי האָבען קיין געלט; ווען זיי וואָלטען געהאַט געלט, וואָלטען זיי געבראַכט שאַנדע אויף זיך און אויף זייער פאַמיליע; איינער האָט אַ גע־בּאָרענע נייגונג צו הולטייסטוואָ, נאָר צו הולטייסטוואָ דאַרף מען האָבען געלט. אלזאָ, איז ער נעבאַך אוים נויט געבליבען אַן אָרענטליכער מאַן; אַ צווייטער וואָלט גערען געוואָרען אַ געמבלער, דעם גרעסטען גליק וואָס ער קען זיך פאָרשטעלען איז צו פאַרשפּילען אָדער געווינען אַ פאַרמעגען אין מאַנטאַ קאַרלאָ, אָבער גליקליכערוויזע האָט ער ניט קיין פאַרמעגען צו פאַר־שפּילען, איז ער געבליבען אַ בכבוד'ער מענש; אַ דריטער האָט געוואָרפען אַן אומחן אויף זיין פרוי און ער האָט שטאַרק חשק אויסצוהאַלטען אַ געליבטע אין אַ פאַרנישד אַפּאַרטמענט, ווי אַ סך אַנדערע הולטייעס טוען, אָבער גליקליכערוויזע איז „אין כסף לאדון זה", ער האָט נעבאַך ניט די „ממתקים", און אַז מען האָט קיין געלט ניט, מוז מען זיין צופרידען מיט די אייגענע ווייב...

רייכטהום פאר אזעלכע מענשען וואלט געבראכט שאנדע.

איך ווייס אבער אויך פון א סך פעלע, וואו רייכטהום האט געבראכט דעם אייגענטימער עהרע און באוואונדערונג. — די נעמען דזשייקאב שיף און נייטהען שטרוים אין אמעריקא און די נעמען עדמונד ראטשילד (הנדיב הידוע) און באראן הירש אין אייראפא וועלען אויף אייביג בלייבען פארשריבען מיט גאלדענע בוכשטאבען אין דער געשיכטע פון אונזער פאלק.

אט דאס איז וואס דער תנא האט געמיינט מיט די ווערטער חיים של עושר וכבוד — ער האט תפילה געטאן אויף רייכטהום, ווייל מיט רייכטהום קאן מען טאן אזוי פיל גוטעס אויף דער וועלט — אבער צו דער זעלבער צייט האט ער אויך געוואוסט אז רייכטהום קאן אמאל ברייינגען שאנדע צו איהר אייגענטהימער. דאריבער האט ער אין איין אטעם געבעטען אויף עושר וכבוד, ד. ה. אזא רייכטהום וואס זאל ברייינגען כבוד.

* * *

חיים שתהא בנו אהבת תורה. — פילע פרעגען וואס טויג ליבע אליין צו דער תורה? קאן מען דען מיט ליבע אליין אויסהאלטען תלמוד תורה'ס און ישיבות? עס האט געדארפט שטעהן קיום התורה, אדער חיזוק התורה!

— אבער אין אמת'ן זעהען מיר, אז פילע אינסטיטושאנס עקזיסטירען נאר אויף ליבע. — לאמיר נעמען אלס ביישפיל מוזיק; נאר איינער פון א מיליאן איז א גרויסער זינגער אדער א גרויסער שפילער; די גרויסע מאסע פון דער מענשהייט קאנען ניט זינגען און קאנען ניט שפילען אויף קיין אינסטרומענט — פונדעסטוועגען זעהען מיר אין יעדער גרויסער שטאט אייניגע אפערא הייזער, וואס קאסטען אפ מיליאנען, ווי קעניגליכע פאלאצען, און די וועלט בארימטע זינגער און שפילער קריגען אומגעהויער גרויסע געהאלט; פון וואנען קומען דאס אט דיזע גרויסע סומען געלט? דאס קומט פון די מאסען, וואס אליין קאנען זיי ניט זינגען און ניט שפילען, נאר זיי האבען ליב מוזיק, און ווייל זיי האבען עס ליב, באצאלען זיי דערפאר גוטע געלט, און דאס מאכט מעגליך מען זאל קאנען אויסהאלטען פרינצליכע אפערא הייזער און צאלען מיליאנערסקע געהאלטען צו די זינגער.

יעצט וועט איהר שוין לייכט פארשטעהן ווארום רב האט תפילה געטאן אויף אהבת תורה; ער האט גוט געוואוסט אז קוים וועט עקזיסטירען צווישען די אידישע מאסען א ליבע צו דער תורה, וועט שוין קיין געלט ניט פעהלען אויסצוהאלטען גרויסע ישיבות און צו שטיצען לומדי תורה.

* * *

חיים שתמלא לנו את כל משאלות לבנו לטובה. — אייגענטליך זעהט עס אויס אז דאסווארט לטובה איז אן איבריגער אין דיזען ארט; וואס וואלט געפעהלט אז ער וואלט געזאגט: „שתמלא לנו כל משאלות לבנו", און גענוג!

איך וועל אייך דאס ערקלערען מיט א ביישפיל: איך געה אריין אין א האספיטאל און איך זעה אויף איינע פון די בעטלאך ליגט א חולה מיט פארטריקענטע ליפען און שטרעקט אויס די האנד נאך אביסעל וואסער — אבער די נויערסעס געהען איהם פארביי און שענקען איהם ניט קיין אויפמערקזאמקייט. — מיט'ן ערשטען בליק האט מיר אויסגעזעהן אז די נויערסעס זיינען זייער גרויזאם און הארטהערציג, אבער ווען איך האב אפגעשטעלט

איינע פון זיי און איהר געפרעגט די אורזאכע דערפון, האָט זי מיר קורץ געענטפערט, אַז דיזער חולה איז נאָר וואָס ארויסגענומען געוואָרען פון „אפערייטינג רום", און דער דאָקטאָר האָט שטרענג פארזאָגט מען זאָל איהם קיין טראָפּען וואַסער ניט געבען, ווייל דאָס קאָן איהם קאָסטען דאָס לעבען.

אלזאָ, איהר זעהט אַז אין דיזען פאַל וואָלט עס געווען געפעהרליך נאָכצוגעבען דיזען מענשען זיין פארלאנג. דאָסזעלבע טרעפט אויך גאַנץ אָפט, אַז מיר בעטען ביי גאָט מיט טרערען ער זאָל ערפילען פאַר אונז אַ געוויסע בקשה; אָבער מיר ווייסען ניט אַז דיזע זאַך נאָך וועלכע מיר שטרעבען אַזוי שטאַרק וואָלט געווען דער גרעסטער אומגליק פאַר אונז. מיר זיינען קינדער ביי גאָט, און קינדער פאַרלאַנגען גאַנץ אָפט זאַכען וואָס טויגען פאַר זיי ניט.

דאַריבער האָט רב געענדיגט זיין תפילה מיט די ווערטער: שתמלא לנו את כל משאלות לבנו לטובה — דו זאָלסט ערפילען די געבעטע פון אונזערע הערצער, אויב דו ווייסט אַז דאָס איז גוט פאַר אונז. אָבער אויב דו ווייסט אַז די זאַך וואָס מיר בעטען בא דיר איז ניט גוט פאַר אונז, איז פיל בעסער דו זאָלסט די בקשה ניט ערפילען.

* * *

דאָס איז אין קורצען די טיפזיניגע מיינונג פון דער תפילה פון ראש חודש בענשען. — ווען איהר וועט אין דער צוקונפט ווידער זאָגען דיזען יהי רצון, מעגט איהר אין זינען האָבען דיזע אלע כוונות וואָס איך האָב אריינגעלעגט אין די ווערטער. זיי וועלען אייך העלפען אויסצופילען די פוסטקייט און אינהאַלטסלאָזיגקייט פון אַמעריקאַנער לעבען.

סליחות געדאַנקען

די יעניגע פון מיינע צוהערער, וועלכע קומען פון די אַלטע לענדער, געדיינקען געוויס אַז אין יענע לענדער און אין יענע צייטען האָבען רבנים ניט געדרשנט בעפאָר סליחות; זיי האָבען אויך ניט געדרשנט אום ראש השנה ויום כפור; אָבער אין אַמעריקאַ אַז עס טרעפט חלילה אַז דער רב האָט געקראָגען אַ קאַלט און האָט ניט געקענט דרש'נען צו סליחות אָדער ימים נוראים, זאָגט זיין קאָנגרעגיישאָן אַז די גאַנצע געלט וואָס מען האָט איהם געצאָהלט אַ גאַנץ יאָהר איז געווען ארויסגעוואָרפען — וואָס הייסט? דעם גאַנצען יאָהר האָט מען איהם געפיטערט אויף ימים נוראים, און ווען עס קומט ימים נוראים קאָן ער גאָר אַ מויל ניט עפענען! שומו שמים!

נאָר אין אמת'ן האָבען די אידען פון די אַלטע לענדער געהאַט רעכט און די אידען פון די נייע לענדער האָבען אויך רעכט.

זיי האָבען געהאַט רעכט אין די אַלטע לענדער, ווייל עס גיט ניט קיין אומבאַקוועמערע צייט פאַר דרשות ווי סליחות און ימים נוראים; סליחות זאָגט מען נאָך האַלבע נאַכט (דערצו זיינען אַלע שטאַרק נייגעריג צו הערען דעם נייעם חזן מיט די משוררים), — איז דאָס אַ צייט צו האַלטען דרשות? ראש השנה געדויערט דער דאַווענען ביז 2—3 אוהר; יום כפור דאַווענט מען אַ גאַנצען טאָג, איז געוויס קיין צייט ניטאָ פאַר דרשות; און דעריבער האָבען

די אלטע רבנים ניט געזאגט קיין דרשות אין דיזע טעג; זיי האבען זיך געטראכט וואס איז די נויטיגקייט צו דרש'נען דוקא אין דיזע טעג? איך וועל דאך זעהען מיינע אידעלאך אלע טאג אין שוהל, וועל איך זיי שוין זאגען וואס מען דארף זיי זאגען.

אין אונזער לאנד אבער זעהט מען זיך מיט די אידעלאך א גאנץ יאהר גאר ניט; די גרויסע מאיאריטעט פון זיי קומען אין שוהל נאר אין דיזע פאר געציילטע טעג, און דאריבער איז די פליכט פון דרשנים אין דיזען לאנד אויסצונוצען דיזע טעג צו ריידען צו זיי אפאר ערנסטע ווערטער.

* * *

ירמיה הנביא איז געוועזן דער ערשטער שמש וואס האט געקלאפט צו סליחות; ער האט געזאגט: קומי רוני בלילה לראש אשמורת. — פרעגט זיך טאקע די פראגע, ווארום זאגט מען סליחות דוקא באנאכט? — דער תירוץ איז: ווען אימיצער גיט א קלונג אין טיר אין א רוישענדע פעקטארי, וואו צעהנדליגע מאשינען דרעהען זיך מיט א רעש און ארבייטער לויפען אהין און אהער, מאכט עס אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט; אפטמאל באמערקט דאס גאר קיינער ניט; אבער אין דער שטילקייט פון דער נאכט, ווען אלעס שלאפט און שווייגט, און פלוצלינג דערהערט זיך א שארפער קלונג אין טיר, לויפט דורך א שוידער דורכ'ן לייב! — אונזער היינטיגע וועלט איז א גרויסע פעקטארי, וואו מענשען לויפען דעם גאנצען טאג און ווייסען ניט וואו זיי לויפען; אז מען וואלט זיי גערופען צו סליחות בייטאג, און אפילו אז איינינע וואלטען געקומען, וואלט דאס אויף זיי קיין איינדרוק ניט געמאכט. — דער „קול המונה של רומי" וואלט פארשריען דעם „קול דממה דקה" וואס פאנגט זיך אן צו ערוועקען אין א אידיש הארץ אין דיזע הייליגע טעג. אבער אין מיטען דער נאכט, ווען אונזערע נערוועען האבען שוין צייט געהאט אביסעל זיך איינצושטילען, דארפען די הארץ־רייסענדע תפילות פון סליחות האבען א שטארקע ווירקונג אויף אונז.

* * *

און יעצט אז איהר האט שוין אביסעל אפגעכאפט דעם אטעם, מעג איך אייך א פרעג טאן: וואס איז טאקי אזוי גרוים די יאגעניש א גאנץ יאהר? וואוהין לויפט איהר דאס מיט אזא אימפעט?

די לעגענדע דערציילט פון דעם גרויסען פילאזאף סאקראטעס, אז ער פלעגט זיך גאנץ אפט שטעלען אויפ'ן מארק־פלאץ, וואו אלע לויפען, און אנכאפענדיג יעדען פאר'ן פאלע פלעגט ער זאגען צו איהם: „זאלסט וויסען זיין אז פון דעם ארט וואו דו לויפסט ועסטו זיך שוין צוריק ניט אומ־קעהרען!" — אין זיין צייט האבען זיי איהם ניט פארשטאנען; זיי האבען געמיינט אז ער שילט זיי (און אם ענדע האבען זיי איהם טאקי געצוואונגען איינצונעמען גיפט). אבער אין אונזער צייט פאנגט מען אן איהם צו פאר־שטעהן; ער האט געמיינט צו זאגען, אז קיין אונטערשייד וואו א מענש לויפט, צי לויפט ער אין מזרח אדער אין מעריב, צי לויפט ער אין צפון אדער אין דרום, איין זאך איז געוויס, אז ער לויפט אלץ נעהענטער צום קבר, און אז דער טאג, אדער וואך, אדער מאנאט וואס איז פארבייגעגאנגען, וועט זיך שוין צוריק ניט אומקערען. — און איך וויל נאך צולייגען נאך א הגהה, א־

איהר דארפט גאר ניט לויפען — אז איהר וועט געהן לאנגזאם, וועט איהר אויך אהין אנקומען, און איהר וועט גארניט פארזאמען...

* * *

איך בין די וואך געזעסען אין אן אפיס און באמערקט אויפ'ן וואנד אן אבריים־קאלענדאר (דאס הייסט א קאלענדאר, וועלכער האט א באזונדערע בלעטעל פאר יעדען טאג פון יאהר, און יעדען טאג רייסט מען ארונטער א בלעטעל). — עס איז דורכגעלאפען מיינע געדאנקען ווי א בליץ, אז דעם מענשענ'ס לעבען איז פונקט ווי אן אבריים קאלענדאר; יעדער טאג וואס געהט פארביי איז ווי א בלעטעל אפגעריסען פון קאלענדאר, אזוי אז צום סוף בלייבט נישט מעהר ווי א טאוועל (די מצבה!) — מארגען איז א טאג וואס הונדערטע טויזענדע אידען געהען אויף די סעמעטערים און זיי וועלען זעהען א סך אזעלכע טאוולען. זאלען זיי זיך דערמאנען, אז דאס איז אלץ וואס איז איבערגעבליבען פון די טעג און די יאהרען פון די מענשען וואס ליגען אונטער זיי — די בלעטלאך זיינען אבגעריסען געווארען, און נאר די טאוולען זיינען געבליבען! — פאראנען אלערליי אבריים־קאלענדארען; אנדערע פון זיי זיינען קאסטבארע, אימפארטירטע, מיט גילדערנע פריימס, און אנדערע זיינען איינפאכע, פראסטע, וועלכע ווערען געקויפט פאר א קוואטהער א שטיק. אבער איין זאך איז זיכער, אז צום סוף ווען אלע בלעטלאך זיינען שוין ארונטערגעריכען געווארען, וועט מען זיי אלע גלייך ארייגווארפען אין ווייסט־באסקעט. — אזוי זעהט מען אויך פארשידענע מענשען; איינינע זיינען רייך און שפילען א גרויסע ראלע, אנדערע זיינען ארעם און קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום — אבער איין זאך איז זיכער, אז צום סוף וועט מען זיי אלעמען גלייך ארייגלייגען אין קבר, און דער איינציגער אנדענקען וואס וועט בלייבען פון זיי וועט זיין א טאוועל, דאס הייסט א מצבה.

* * *

וואס הייסט לעבען? לעבען מיינט לאנגזאם פארלירען דאס לעבען!

— אין דער זעלבער צייט וואס מיר האבען דאס לעבען, פארלירען מיר עס לאנגזאם. שטעלט זיך פאר א מענש, וועלכער איז פארשלאסען אין א פעסטונג און וועלכער איז פאראורטיילט דארט צו פארבלייבען ביז דעם טאג פון זיין טויט; און שטעלט זיך פאר אז ווען מען האט איהם ארייגגעזעצט אין דיזער פעסטונג האט מען איהם מיטגעגעבען א רעזערוואואר פול מיט וואסער פאר זיין געברויך און מען האט איהם מודיע געוועזן אז קיין נייע וואסער וועט מען קיינמאל דערצו ניט צוגיסען; די ווענט פון רעזערוואואר זיינען ניט דורכזיכטיג — וויפיל וואסער עס געפינט זיך אין רעזערוואואר קאן ער ניט וויסען, מעגליך אז גאנץ ווייניג; ער האט שוין ביז יעצט געצאפט טאג טעגליך א גרויסע מאס וואסער. — שטעלט זיך פאר ווי ער פילט יעדען מאל ווען ער געהט צאפען וואסער פון רעזערוואואר, אדער יעדען מאל ווען ער טראכט וועגען די וואסער! יעדעס מאל ווען דאס ווארט „וואסער“ געהט ארויף אויף זיין געדאנקען, ווערט ער בלאס ווי דער טויט. ער טראכט: „איך האב געצאפט וואסער נעכטען, איך צאפ וואסער היינט, אבער איך וויים אז יעדעס מאל ווען איך טרינק אביסעל וואסער, מיינט דאס אז מיין וואסער־סופליי ווערט ווענינער און ווינציגער; די גלאז וואסער וואס איך טרינק אוים היינט

וועט מיר פעהלען אין א געוויסען טאָג אין דער צוקונפט; און דאָך בין איך געצוואונגען צו טרינקען היינט, הגם איך ווייס אַז דאמיט פאַרקירץ איך מיין לעבען אין דער צוקונפט!"

זאָלען מיינע צוהערער פאַרבייטען דאָס וואָרט „וואסער" אויפ'ן וואָרט „לעבען", אָדער „לעבענס־קוועלע" און זיי וועלען האָבען אַן אמת'ן בילד פון מענשען'ס לאַגע אויף דער וועלט.

* * *

וואָס וואָלט איהר געזאָגט צו יענעם מענשען פון מיין משל אַז איהר וואָלט געזעהן ווי ער נעמט דיזע ביסעל וואסער, וואָס יעדער טראָפּען דערפון איז אַ טייל פון זיין לעבען, און ער גיסט דאָס אויס אויף דר'ערד? איהר וואָלט געזאָגט אַז ער איז ארונטער פון זינען!

אויב אַזוי, האָבען מיר אַ סך אַזעלכע משוגעים צווישען אונז! איך אַליין קען הונדערטע מענשען, וועלכע שטופּען אָב דעם גרעסטען טייל פון זייער לעבען אין אַזעלכע זאכען, וואָס זיי רופען אַ צייט־פאַרטרייב — און וואָס מיינט דאָס אַ צייט־פאַרטרייב? — דאָס מיינט אויסגיסען די וואסער פון לעבען אויף דר'ערד אָהן אַ ציל און אָהן נוצען פאַר זיך אָדער פאַר דער וועלט!

* * *

איך האָב נעכטיגע נאכט געזעהן אַ חלום וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען: — איך האָב זיך געפינען אויף אַ גרויסען פּלאַץ, וועלכער איז געווען באַלויכטען מיט אַ רויטע ליכט אַזוי ווי די ליכט פון אַ העלישען וואַלד־פייער באַנאַכט; אַ גרויסע מחנה פון מענער, פרויען און קינדער זיינען פאַר־בייגעגאַנגען פאַר מיינע אויגען אין אַ לאַנגע רייהע ווי אַן ענדלאָזע קייט.

אין אַ קורצע ווייַלע זיינען זיי געקומען צו אַן אָבצווייגונג פון צוויי וועגען — איינע איז געווען אַ שמאָלע וועג, ביי וועלכע עס איז געשטאַנען אַ סיין: **זה השער לה' צדיקים יבאו בו!** — נאָר אַ קליינע צאָל פון די מחנה מענשען האָבען זיך גענומען צו דיזען וועג, און די גאַנצע מחנה האָט זיי אויסגעלאַכט מיט אַ הילכיגען געלעכטער. — די צווייטע איז געווען אַ ברייטער וועג מיט פעלדער בלומען פון ביידע זייטען, און איבער איהר איז געהאַנגען אַ סיין: **געהט צום פאַרגעניגענס־פּלאַץ!** אין דיזער וועג האָט זיך אַ לאָז געטאָן כמעט די גאַנצע מחנה.

איך בין געווען אַ בעלן צו זעהן דיזען פאַרגניגענס־פּלאַץ, צו וועלכען די גאַנצע וועלט האָט זיך געצויגען און איך האָב זיך אָנגעשלאָסען אָן דיזער מחנה. — וואָס איך האָב געזעהן איז שרעקליך איבערצוגעבען אויפ'ן פּאַפּיר. — פאַר אַ געוויסע שטרעקע האָט דיזער וועג אויסגעזעהן ווי אַ וואָהרער גן עדן און דער עולם האָט זיך געפיהלט אין זעהר אַ פריילינבע שטימונג. — אָבער פּלוצלינג האָט די מחנה געגרייכט אַ פּלאַץ וואו דער וועג האָט אויפ־געהערט, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ טיפער פינסטערער תהום, פון וועלכען די אויג האָט ניט געקענט זעהן דעם גרונד. און די ערשטע רייהען פון דיזער פּראָצעסיע האָבען אָנגעהויבען אייגציגווייז ארונטערצופאַלען אין תהום אַזוי ווי טראָפּענס וואסער פון אַ דאַך אין אַ רעגענדיגען טאָג. — די נעקסטע מאַרשירענדע רייהען, זעהענדיג וואָס עס פּאַסירט מיט די פאָדערשטע רייהען, האָבען שוין געוואָלט לויפען צוריק, אָבער די רייהען וואָס זיינען

געגאנגען הינטער זיי האָבען זיי געשטופט, ניט וויסענדיג און ניט וועלענדיג נעהענטער און נעהענטער צום תהום! — דיזע סצענע איז נישט מעהר ווי דער אַלטער דור הולך ודור בא!

* * *

וואָס איז געוואָרען פון דעם הייפעלע מענשען וועלכע האָבען זיך גענומען אין די שמאָלע וועג וואָס מען רופט „דרך אמונה“? — איין זאַך איז זיכער, אַז זיי זיינען ניט אריינגעפאַלען אין תהום פון פערגעסענהייט.

איך האָב פריהער פאַרגליכען דעם מענשענס לעבען צו אַן אַבריים־קאַלענדאַר, פון וועלכען עס בלייבט צום סוף נישט מעהר ווי א טאָוועל. עס זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע לוחות וואָס מען באהאַלט זיי אויף יאָהרען־לאַנג און מען צאָהלט פאַר זיי אַלע מאָל גוטע געלט. דאָס זיינען די ליטעראַרישע לוחות, יאָהר ביכער, וועלכע ענטהאַלטען אויסער א לוח, אויך וויכטיגע ליטעראַטור, מאמרים, שירים, דברי חכמה, א. ז. וו. אזוי ווי די אמאָליגע יאָהר־ביכער, האסיף, כנסת, לוח אחיאסף א. ז. וו. פאַר וועלכע מען צאָהלט נאָך יעצט גוטע געלט, אויב מען קריגט א סעט פון זיי. אזוי זיינען אויך פאַראַן מענשען־לעבענס, וועלכע זיינען פול מיט אינהאַלט; פאַראַן מענשען, וואָס אויסער זייערע מאַטעריעלע ביזנעס האָבען זיי אויך געטאָן גייסטיגע ביזנעס, אריינגעקוקט אין א ספר, געגעבען קינדער לערנען, געגעבען א טייל פון זייער פארמעגען צו נויטבאַדערפטיגע, געהאָלפען אויפהאַלטען אינסטיטושאָנס — אַזא אַרט לעבען איז ניט געווען קיין אייגפאַכער לוח פון וועלכען מען רייסט אָפּ א בלעטעל נאָך א בלעטעל און מען וואַרפט עס אוועק — דיזער לעבען האָט אויך ענטהאַלטען וויכטיגען מאַטעריאַל, וואָס האָט א קיום אויף אייביג.

* * *

טאָמער וועט יעמאַנד פון אייך טראַכטען, וואָס איז די פעולה יעצט אַנצוציינגען דעם עולם דעם ריכטיגען וועג אין וועלכען זיי האָבען געדאַרפט געהן? דער יאָהר איז דאָך שוין כמעט פאַרבייגעגאַנגען; קאָן מען יעצט פאַרריכטען וואָס מען האָט פאַרזעהען דעם גאַנצען יאָהר?

זאָלט איהר וויסען, אַז די זאַך איז ניט אזוי אוממעגליך ווי איהר דיינקט. מיר געפינען אין מסכת שבת (ל׳ ע״ב): בקשו לגנוז ספר קהלת מפני שדבריו סותרים זה את זה, ומפני מה לא גנזוהו? מפני שתחילתו דברי תורה וסופו דברי תורה (די חכמים האָבען געוואָלט באהאַלטען דעם ספר קהלת, ווייל ער ווידערשפּרעכט זיך אין פילע ערטער. וואַרום זשע האָבען זיי איהם ניט באהאַלטען? ווייל זיין אַנהויב שטימט מיט דער תורה און זיין ענדע שטימט מיט דער תורה). — דערפון זעהט מען אַז הגם דער גאַנצער ספר איז ניט געווען צופרידענשטעלענד, פונדעסטוועגען האָט מען איהם אריינגענומען צווישען די הייליגע ספרים, ווייל זיין אַנפאַנג און זיין סוף איז געווען גוט. — וואָרום זאָל מען ניט קאָנען זאָגען דאָסזעלבע וועגען דעם ספר החיים, דעם בוך פון מענשענ׳ס לעבען? עס איז אמת אַז אין מיטען איז דער פאַר־בייגעגאַנגענער יאָהר געווען פוסט און אינהאַלטסלאָז, אָבער מיר האָבען נאָך פאַר אונז דעם סוף פון דיזען יאָהר און דעם אַנפאַנג פון נייעם יאָהר; אויב מיר וועלען באַנוצען דיזע קורצע צייט פאַר תשובה, תפילה און צדקה, וועט דער שופט כל הארץ געפינען אַז דער יאָהר איז ניט געווען אין גאַנצען פוסט.

נאָר אַז עס איז געווען סופו דברי תורה ותחילתו דברי תורה, און בזכות זה וועט ער אונז אַלעמען איינשרייבען בספר החיים און וועט אונז געבען אַ שנת חיים ושלום, שנת גאולה וישועה לנו ולכל ישראל, אכי"ר.

דרוש לראש השנה

יום הזכרון

I

וואָס איז די מיינונג פון די ווערטער יום הזכרון? — עס קאָן ניט מיינען אַ טאָג, אין וועלכען גאָט דערמאָנט זיך אָן אונז, ווייל גאָט פאַרגעסט אונז קיינמאָל ניט; אַזוי ווי מיר זאָגען אין די תפילות פון דיזען הייליגען טאָג: כי אין שכחה לפני כסא כבודך ואין נסתר מנגד עיניך. — דער אמת'ער פשט פון די ווערטער איז, אַז דאָס איז אַ טאָג פון זכרון פאַר אונז. איך וועל אייך דאָס ערקלערען מיט אַ ביישפּיל:

אַ גרויסער ביזנעס־מאַן האָט אַמאָל פּלוצלינג געקראָגען די שרעקליכע קראַנקהייט „אַמניזשיע", דאָס איז אַ קראַנקהייט אין וועלכער דער מענש פאַרלירט זיין זכרון. — אַ פּאָר טעג האָט ער ארומגעוואַנדערט אין די גאַסען ניט ווּיסענדיג וואו זיין הויז איז און וואו ער געהט און אפילו זיין אייגענעם נאָמען האָט ער פאַרגעסען. ביז ענדליך, דורך די מיה פון זיין פאַמיליע און די פּאָליציי, האָט מען איהם אויסגעפונען און געבראַכט אהיים. געוועהנליך האָט די פאַמיליע געבראַכט די בעסטע מעדיצינישע עקספּערטען און זיי האָבען איהם אונטערזוכט און געשטודירט זיין קראַנקהייט ביז זיי האָבען אויסגעפונען אַז זיין קיים איז זייער אַן אויסערגעוועהנליכע; דאָס איז אַזאַ קיים, אין וועלכע דער זכרון קערט זיך אום צום קראַנקען איין טאָג אין יאָהר, און ווען דיזער טאָג געהט אוועק, פאַלט ער צוריק אריין אין די פריהערדיגע פאַרגעסענהייט. זיי האָבען דאַן צוזאַמענגערופען זיין פאַמיליע און זיי מיטגעטיילט דיזען פאַקט. — איהר קענט זיך שוין פאָרשטעלען מיט וועלכען אומגעדולד די פאַמיליע האָט געוואַרט אויף דיזען טאָג, ווען זיין זכרון דאַרף זיך אומקערען צו איהם; אַז אַ פרעמדער וואָס האָט ניט געוואוסט דיזען פאַקט האָט זיי אַ פרעג געטאָן, וואָרום וואַרט איהר אַזוי אויף יענעם טאָג? האָבען זיי געענטפערט: ווייסט איהר דען ניט אַז דאָס איז זיין יום הזכרון, דאָס הייסט דער טאָג אין וועלכען זיין זכרון וועט זיך צוריקקערען צו איהם! — אין דיזען טאָג מוזען מיר אויסגעפינען פון איהם אַלעס וואָס אנבאַלאַנגט זיין ביזנעס און זיין פאַרמעגען, ווייל ווען דיזער טאָג וועט פאַרבייגעהן איז אַ געפאַהר אַז ער וועט ווידער פאַרלירען זיין זכרון...

איך גלויב אַז דעם נמשל פאַרשטייט איהר שוין אַליין; דאָס אידישע פאָלק איז דער גרויסער ביזנעס־מאַן, דער אייגענטהימער פון אַ גרויסען גייסטיגען פאַרמעגען, דאָס פאָלק וועמען גאָט האָט אַנגעטרויט מיט דער הייליגער שליחות צו עפענען די אויגען פון די בלינדע, צו פאַרשפּרייטען ליכט

און גערעכטיגקייט, און פרידען און פרייהייט צווישען די פעלקער; און אין דער גאנצער צייט פון אונזער היסטאריע האט דאס אידישע פאלק געוואוסט ווי צו שעצען די דאזיגע שליחות און האט זיך אנגעשטריינגט איהר אויסצופיהרען אזוי ווייט ווי עס איז געלעגען אין איהרע כחות. — אבער פלוצלונג אין אונזערע צייטען האט דאס אידישע פאלק פארלארען דעם זכרון; פילע פון זיי האבען אפילו פארגעסען זייער אייגענעם נאמען איד. נאר איין איינציגע האפנונג איז אונז נאך איבערגעבליבען — גאט האט באשטימט א געוויסען טאג אלס יום הזכרון, דאס הייסט א טאג אין וועלכען דער זכרון קערט זיך אום צו אונז, א טאג אין וועלכען מיר פארלאזען די קליינליכע אינטערעסען פון אונזער וועלטעל, און דערמאנען זיך אן אונזערע אמת'ע הייליגע אינטערעסען וואס אונזערע אבות און נביאים האבען אונז אנגעטרויט. ווי וויכטיג איז דער טאג! ער איז דאפעלט וויכטיג ווייל עס איז א געפאהר אז ווען ער וועט פארבייגעהן וועלען מיר צוריק אריינפאלען אין דער זעלבער פריהערדיגער פארגעסענהייט... און דאריבער איז די פליכט פון די פארשטעהער פון אידענטהום אויסצונוצען דיזען טאג צו זיינע פולע מעגליכקייטען.

* * *

לאמיר זיך אויף א מינוט אומקערען צו דעם ביזנעס־מאן פון אונזער משל. — די ערשטע פראגע וואס זיין פאמיליע האט איהם געשטעלט, ווען זיין זכרון האט זיך צוריקגעקערט צו איהם, איז נאטירליך געווען: צו געדיינקסט ער זיין נאמען? — פונקט די זעלבע פראגע וועל איך אייך שטעלען היינט אין אונזער יום הזכרון, צי געדיינקסטו דיין נאמען ישראל? — גאט האט אונז א נאמען געגעבען ישראל צוליב דעם טעם: כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל. — און אונזערע עלטערען האבען זיך טאקע געראנגעלט מיט די שטארקסטע פעלקער פון דער וועלט, אזוי ווי מיט גריכענלאנד און מיט רוים און זיי בייגעקומען.

דא ווייס איך אז איהר וועט מיר גלייך אבשטעלען מיט א פראגע: וואס זאגסטו אז מיר זיינען בייגעקומען רוים? סטייטש, טיטוס האט דאך באזיגט ירושלים און האט געבראכט צופיהרען די גבורי ישראל געשמידט אין קייטען נאך זיין טריאומף־וואגען? — יא, אזוי האט טאקע טיטוס געמיינט אז ער האט אונז באזיגט, און אזוי האט דאמאלסט געמיינט די גאנצע וועלט; אבער היינט ווייסען מיר אז ניט רוים האט אונז באזיגט, נאר דאס אידישע פאלק האט באזיגט רוים — פון דאס אלטע רוים איז היינט קיין שריד ופליט ניטא, און דאס אידישע פאלק איז היינט פיל רייכער און שטארקער ווי עס איז געווען אין דער צייט פון חורבן.

אבער מיר אין אונזער צייט זיינען געגליכען צו שמשון הגבור, ווען זיין כח האט זיך אפגעטאן פון איהם. — מיר זעהען פארקערט, אז זייערע קירכען און מאשעען שטארקען זיך און מעהרען זיך און שפארען אונטער דעם הימעל מיט זייערע סטיפעלס און מינארעטען, ווערענד אונזער הייליגע אמונה ווערט שוואכער פון טאג צו טאג. — דאס באווייזט, אז מיר האבען פארגעסען אונזער שליחות — און מיר טארען ניט רוהען ביז אונזער כח וועט זיך צוריקקערען צו אונז!

II

די צווייטע פראגע וואס די פאמיליע האט געפרעגט דעם ביזנעס־מאן וואס האט פארלארען דעם זכרון, איז: געדיינקסטו וואו איז דיין פארמעגען? — די זעלבע פראגע וויל איך אייך פרעגען, מיינע ליבע צוהערער: צי ווייסט איהר אין וואס באשטעהט אייער פארמעגען? — איהר וועט געווים טראכטען, אז דאס איז אן אונערהערטע העזה פון מיר אייך צו פרעגען אזא פראגע; וואס פאר א ביזנעס האט א זייטיגער מענש אונז צו פרעגען וועגען אונזער פארמעגען? — דאריבער אייל איך מיר צו פארריכטען, אז ניט וועגען אייער פארמעגען פון געלט אדער פראפערטי פרעג איך אייך, וייל דאס באטראכט איך גאר ניט פאר אייער אמת'ען פארמעגען; רייכטהום איז גליטשיג, עס גליטשט זיך ארויס פון די הענד. רייכטהום צוגעהט אין די הענד, און עס איז ניטא געװנג אייז אין דער גאנצער וועלט דאס צו פרעזערווירען אויף אייביג. — דער גרויסער רוסישער מיליאנער פריעדלאנסקי האט אמאל געזאגט: „געלט איז דא א סך, יאהרען איז דא ווייניג!“ אבער באלד איז געקומען די רוסישע רעוואלוציע און זי האט געמאכט אן איבערקערעניש אין דעם לעבען פון דיזער מיליאנערסקער פאמיליע; עס האט זיך אויסגעלאזען אז יאהרען האבען זיי געהאט א סך, נאר געלט איז געווארען ווייניג! זיינע קינדער זיינען היינט ווייטערס אין די רעסטאראנען פון פאריז! — איהר קענט זעהען דערפון אז רייכטהום איז ניט דעם מענשען'ס אייביגער פארמעגען — דער אמת'ער פארמעגען פון דעם אידישען פאלק איז דאס תנ"ך'ל, די עשרת הדברות, דאס תהילים'ל, די פילאזאפישע ווערטער פון פרקי אבות, א. ז. וו. אבער דיזען פארמעגען האבען מיר שטארק פארנאכלעסיגט צוליב די ביליגע פארגעניגענס פון דער וועלט. — עס דערמאנט מיר אן א געוויסען אינצידענט וואס איך האב אמאל בייגעוואוינט: א פייער האט אויסגעבראכען אין דער הויז פון דעם גביר פון שטעטעל, און גראדע האט ער געהאט א גרויסע סומע אין קעש אין זיין שראנק אין הויז. — „ווער וועט אריינגעהן אין הויז און ראטעווען מיין פארמעגען?“ — האט דער פארצווייפעלטער גביר אויסגערופען. קיינער האט זיך ניט גערירט פון ארט; אם ענדע האט זיך ארויסגעכאפט א קליינער אינגעל פון דער מאסע און איז אריינגעלאפען אין דער ברענענדיגער הויז. דער גביר האט געווארט מיט א קלאפענדיג הארץ צווישען שרעק און האפענונג, — וועט דער אינגעל ארויסקומען בשלום? וועט ער ראטעווען זיין פארמעגען? — דער אינגעל איז אין איינינע מינוט ארויסגעקומען בשלום, און דער גביר איז איהם געלאפען אנטקעגען מיט גרויס שמחה. עס איז קיין ספק ניט בא איהם געווען, אז דער אינגעל האט געווים גערעטעט זיין פארמעגען; אבער ווי ערשטוינט און ענטוישט איז ער געבליבען ווען ער האט געזעהן אז דער אינגעל האט ארויסגעבראכט נאר עטליכע קנעפלאך מיט א צובראכענעם מעסערל! — צו דעם קינדערשען שכל האבען די זאכען אפעלירט אלס די ווערטפולסטע זאכען אין דער וועלט! — איך פיהל פונקט ווי יענער גביר האט דאן געפיהלט, ווען איך הער אימיצען אויסרעכענען צווישען די גרויסקייט פון דאס אידישע פאלק אז עס געפינען זיך צווישען זיי אזוי פיל און אזוי פיל מיליאנערען,

אזוי פיל און אזוי פיל דיפלאָמאַטען, סענאַטאָרס, קאָנגרעסמען, א. ז. וו. דיזע אַלע זאַכען זיינען נישט מעהר ווי באַטאַנס אין פאַרגלייך מיט די אמת'ע רייכטהום פון יודענטהום; איין גרויסער ספר ווי דער „יד החזקה" אָדער דער „מורה נבוכים" וועגט אַריבער דאָס גאַנצע מאַטעריעלע רייכטהום פון אונזערע מיליאָנערען און די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט פון אונזערע שטאַאַטסמענער! האָט דאָס אידישע פאָלק אין אונזער צייט אַרויסגעגעבען אַזאַ ספר? — אַט דאָס איז וואָס איך האָב געמיינט, ווען איך האָב אייך געפרעגט: **צי ווייסט איהר אין וואָס באַשטעהט אייער אמת'ער פּאַרמעגען?**

III

די דריטע פראַגע וואָס די פאַמיליע האָט געשטעלט צום ביזנעסמאַן, וועלכער האָט פאַרלאָרען זיין זכרון, איז געוועזן: **צי געדיינקסטו דיין משפחה?** — מיינע ליבע צוהערער, איך וויל אייך אויך שטעלען די זעלבע פראַגע: צי געדיינקט איהר אייער יחוס, אַז איהר זייט בני אברהם יצחק ויעקב? — בּאַ אַנדערע פעלקער לייגט מען גרויס געוויכט אויף אַפּשטאַמונג; אַמעריקאַנער מיליאָנערען גיבען מיליאָנען צו פאַרהייראַטען זייערע טעכטער מיט אַ לאָרד אָדער אַ באַראָן — און פון וואַנען שטאַמט דער יחוס פון דיזע אויסלענדישע לאָרדען און באַראָנען? לויט די פאַקטען וואָס ווערען אָנגעגעבען אין דער היסטאָריע זיינען די זיידעס פון די היינטיגע אויסלענדישע אַדעל אַממייסטען געוועזן רויבער־באַראָנען, ד. ה. קאַפּיטאַנען פון רויבער באַנדעס, וועלכע האָבען זיך באַפעסטיגט צווישען די בערג און אָנגעקליבען גרויס רייכטהום פון בארויבען דורכרייזענדע אויף די וועגען און שאָסייען. — דאַכט זיך מיט אַזאַ יחוס איז ניטאָ פיל מיט וואָס זיך צו רימען? — ווי שטאָלץ דאַרפען מיר שוין זיין מיט אונזערע אורעלטערען, די אבות און די נביאים, וואָס די גאַנצע וועלט בויגט די קאָפּ פאַר זיי. — איך געדיינק אַ געוויסען רב פון אַ קליין שטעטעל, וועלכען אַ שדכן האָט פאָרגעלייגט אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער פון אַנאַנדער שטעטעל. ווען ער האָט אויסגעהערט אַלע איינצעלהייטען, זאָגט ער צו זיין ווייב: „רבקה! איך מוז פאָהרען אין יענער שטעטעל אויסגעפינען דעם חתן'ס יחוס!" — „וואָס קענסטו אויסגעפינען אין אַ טאָג?" — זאָגט די ווייב צו איהם. — „„ניט נאָר אין אַ טאָג", האָט דער רב געענטפערט, „נאָר אין אַ שעה וועל איך אויסגעפינען! איך באַגעגען דעם ערשטען אידען און פרעג איהם בזה הלשון: „אזוי ווי איך האָב געהערט אַז חיים גרינבערג איז אייער אַ פעטער"... — און דאָ געפין איך באַלד אויס; אויב חיים גרינבערג איז אַ חשוב'ער מענש, וועט דיזער איד ניט אָפּלייקענען מיין באהויפּטונג, ווייל אַזוי איז די טבע פון יעדען מענשען זיך צו פריינדליכען מיט אַ חשוב'ען מענשען. אָבער פאַרקערט, אויב חיים גרינבערג איז אַ בזוי, אַ נישטווירדיגער מענש, וועט דער איד מיר גלייך איבערשלאָגען די רייד און זאָגען: חיים גרינבערג איז ניט מיינער קיין פעטער און איך וויל איהם ניט האָבען פאַר קיין פעטער". — ווען מיר ווענדען אָן די זעלבע פּראָבע צו דעם יחוס פון דאָס אידישע פאָלק געפינען מיר, אַז אפילו אונזערע ביטערסטע שונאים מוזען נעבאַך איבערגעוואַלט

מודה זיין, אז אונזערע עלטערן האָבען פאַרגעשטעלט אין זייער פּערזאָן די העכסטע מדרגה צו וועלכע אַ מענש קאָן גרייכען. די אַראָבער ווילען אונז דערטרינקען אין אַ לעפעל וואַסער, און צו דערזעלבער צייט יחס'נען זיי זיך מיט אונזער זיידען אברהם'ען; די קריסטליכע פעלקער פאַרגיסען אונזער בלוט און צו דערזעלבער צייט באַריהמען זיי זיך אַז זייער נביא שטאַמט פון אונזער אייגענעם דוד המלך...

איז עס ניט אַ שאַנדע און אַ וועהטאָג, אַז פילע פון אונזערע אייגענע קינדער ווייסען ניט זייער גרויסען יחוס?

IV

איהר ווייסט פאַרוואָס אונזערע קינדער זיינען אַזוי גלייכגילטיג צו זייערע הייליגטימער, ווייל מיר האָבען זיי ניט גענוג באַקאַנט געמאַכט מיט דער גרויסער ווערדע פון דעם!

אַן אָריענטאַלישער קעניג האָט אַמאָל געוואָלט איבערשיקען צו זיינעם אַ פריינד פון אַ צווייטע מדינה דעם טייערסטען דימאַנט וואָס האָט זיך געפונען אין זיינע אוצרות. אַלזאָ, האָט ער קודם כל געזוכט זיין עהרליכסטען און פאַרטרויענסוווערטסטען דינער און האָט איהם אַנגעטרויט דאָס קעסטעלע מיט דעם דימאַנט. אָבער דעם קעניגס הארץ איז נאָך אַלץ געווען אומרוהיג; ער האָט זיך געטראַכט אַז אפילו דער עהרליכסטער מענש אין דער וועלט וועט אויך מעגליך ניט קענען ביישטעהן דעם נסיון וויסענדיג די ווערדע פון דעם אוצר, וואָס ער טראָגט אין דיזערן קליינעם קעסטעלע. אַלזאָ, איז ער געפאַלען אויף אַ קלוגען פּלאַן: נעמליך, ער וועט דעם שליח ניט אויסזאָגען וואָס עס געפינט זיך אין דעם קעסטעלע וואָס ער שיקט מיט איהם, נאָר ער וועט איהם זאָגען אַז עס געפינט זיך דערינען ברעס באָטאַנס, וואָס ער שיקט זיין פריינד פאַר זיין נייעם מונדיר, וועט קיין יצר הרע איהם ניט באַוועגען צו אַנטלויפען דערמיט. דער קעניג האָט געשמייכעלט צו זיך זעלבסט אויף דעם טייערען איינפאַל וואָס ער האָט אויסגעטראַכט, און אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט דעם שליח, אַז ער שיקט מיט איהם אַ קעסטעלע מיט ברעס באָטאַנס.

אויפ'ן וועג זיינען אַ באַנדע רויבער באַפאַלען דעם שליח און האָבען איהם אויפגעפאָדערט אָפּצוגעבען דאָס קעסטעלע וואָס ער האָט געטראָגען. ער איז אפילו געווען גוט באַוואָפענט, און אַז ער וואָלט איינגעשטעלט זיין לעבען און געקעמפט מיט זיי, וואָלט ער זיי פיליכט פאַרטריבען. אָבער דער שליח האָט בא זיך אויסגערעכענט: לוינט עס דען איינצושטעלען דאָס לעבען פאַר עטליכע ברעס באָטאַנס? געוויס ניט! און אַז דער קעניג אַליין וואָלט דאָ געווען און איך וואָלט איהם געפרעגט צי זאָל איך ריזיקירען מיין לעבען פאַר זיינע ברעס באָטאַנס, וואָלט ער מיר אַליין געזאָגט אַז איך זאָל אַזאַ זאַך ניט טאָן!

ווען דער שליח איז צוריק געקומען און האָט דערציילט דעם קעניג וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט, און ווי אַזוי ער האָט איבערגעגעבען דאָס קעסטעלע צו די רויבער אָהן אַ קאַמף, איז דער קעניג געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט, און האָט איהם געוואָלט אויף'ן אָרט פאַר'משפט'ען צום טויט; אָבער דער שליח האָט איהם אומשולדיג אַ פרעג געטאָן: אדוני קעניג! פאַר־

לאנגסטו אין אמת'ן אז איך זאָל ריזיקירען מיין לעבען פאר עטליכע בילינע ברעם באָטאָנס?

הערענדיג דיזע ווערטער, האָט דער קעניג פארביסען די ליפּען און געשוויגען; ער האָט געפיהלט אז ער איז אליין שולדיג; איהם האָט זיך אויסגערעכט אז ער טוט א חכמה וואָס ער האָט דעם שליח ניט אויסגעזאָגט די אמת'ע ווערדע פון דער זאך וואָס ער טראָגט דאָ אין קעסטעלע. אָבער יעצט זעהט ער, אז דאָס האָט געבראכט צום פארלוסט פון זיין טייערען אוצר; ווען דער שליח וואָלט געוואוסט אז ער טראָגט אין זיין האנד דעם טייערסטען דימאנט פון דער וועלט, וואָלט ער איהם פארטיידיגט מיט זיין לעבען און וואָלט איהם פיליכט גערעטעט...

דאָס זעלבע זאָג איך צו אייך, מיינע ליבע צוהערער: ווייסט איהר פארוואָס די אידישע יוגענד אין אמעריקא האָט אזוי לייכט אָבגעגעבען אונזערע הייליגע אוצרות אָהן א קאמף? ווייל זייערע עלטערען און זייערע אידישע לעהרער האָבען זיי ניט גענוג ערקלעהרט די גרויסע ווערדע פון דיזע גייסטיגע אוצרות; זיי האָבען ניט געוואוסט אז זיי האלטען דימאנטען אין זייערע הענט; זיי האָבען גערייינקט, ווי יענער שליח, אז דאָס זיינען ברעם באָטאָנס, און פאר ברעם באָטאָנס שטעלט מען זיך ניט איין צו שטארק...

איך זאָג דאריבער, אז די וויכטיגסטע אויפגאבע וואָס מיר האָבען אין דיזען לאנד, איז דער אלטער ושננתם לבניך; לעהרענט מיט זיי די היסטאָריע פון זייער פאָלק און גיט זיי איבער די ליטעראַרישע פערל פון אונזער אלטער ליטעראַטור, כדי זיי זאָלען פארשטעהן אז ניט אומזיסט האָבען זיך זייערע עלטערען מוסר נפש געווען צוליב דעם.

V

לאָמיר זיך אויף א קורצע ווייַלע אומקערען צוריק צו אונזער ביזנעסמאן, וואָס האָט צוריקגעפונען זיין זכרון אויף איין טאָג. — פארגעסט ניט, אז דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט אז עס איז גאנץ מעגליך אז ווי נאָר דער טאָג וועט פארביינעהן, וועט ער צוריק פארלירען זיין זכרון.

— זאָג אונז, אָ גרויסער דאָקטאָר, וואָס קאָנען מיר טאָן דערצו ער זאָל צוריק ניט פארלירען זיין זכרון! — האָט די פאמיליע געפרעגט מיט גרויס אויפרעגונג.

— די איינציגע זאך וואָס קאָן איהם רעטען פון א צווייטע אטאקע פון דער זעלבער קראַנקהייט, — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט, — איז אז איהר זאָלט איהם צווינגען ער זאָל זיך פערזענליך באשעפטיגען אין זיין ביזנעס!

פונקט דיזעלבע געפאהר, מיינע ליבע צוהערער, שטעהט אייך אלעמען פאר היינטיגען טאָג! היינט איז דער יום הזכרון, דאָס הייסט דער טאָג אין וועלכען איהר האָט צוריקגעקראָגען דעם זכרון וואָס איהר האָט געהאט פארלאָרען דעם גאנצען יאָהר! אָבער „היום יפנה השמש יבא ויפנה" — דער טאָג וועט באלד פארבייגעהן, און דאן וועט איהר זיך צוריק א נעם טאָן צו אייערע פריהערדיגע וואָכעדיגע ביזנעס, און איהר וועט ווידער פארגעסען

דיזע אלע ערהאבענע זאכען, וועלכע זיינען אין אמת'ען די וויכטיגסטע ביזנעס פון א אידענ'ס לעבען. — וואס טוט מען דערצו, אז איהר זאלט ווידער ניט פארלירען דעם זכרון ? — די זעלבע רפואה, וואס יענער פראפעסאר האט פארזאגט ! — איהר מוזט פון היינטיגען טאג אן און ווייטער נעמען א פער־זענליכען אנטייל אין די גייסטיגע אינטערעסען פון אייער פאלק ; איהר מוזט ווערען אקטיוו אין אידישע ענינים.

עס איז אמת, אז אמעריקאנער אידען טוען פיל פאר תורה און פאר צדקה, אבער זיי טוען דאס דורך פרעמדע הענד ! אז מען קומט זיי בעטען פאר תורה אינסטיטושאנס אדער פאר צדקה אינסטיטושאנס זאגען זיי זיך ניט אב ; — ווילסטו געלט ? נאדיר געלט ! נאר לאז מיך צורוה ! — איהר זאלט אבער וויסען, מיינע ליבע צוהערער, אז די וויכטיגסטע זאכען פון לעבען קאן מען ניט טאן דורך א שליח — צום ביישפיל, עסען און טרינקען קאן מען ניט דורך א שליח ! און די תורה איז געגליכען צו ברויט און צו וואסער. דאריבער גיב איך אייך אן עצה, מיינע ליבע צוהערער, אויב איהר ווילט ניט צוריק ארייגפאלען אין די אלטע גלייכגילטיגקייט צו אלעס וואס איז אידיש, זאלט איהר פון היינט און ווייטער זיך ניט באנוגענען מיט געבען אייער געלט, נאר איהר זאלט געבען זיך זעלבסט ! איהר זאלט זאגען מיט'ן הייליגען משורר : אליך ה' נפשי אשא ! — אויב איהר וועט אזוי טאן, פארזיכער איך אייך, אז יעדער טאג פון אייער לעבען וועט זיין א יום הזכרון !

דער שופר

דרוש לראש השנה

די הויפט גאטעסדינסט פון דיזען הייליגען טאג איז דער שופר. אלס מוזיקאלישער אינסטרומענט איז דער שופר ניט זייער שעהן אין געשטאלט, און ניט זייער אנגענעם צום אויער. נאר די חז"ל זאגען אז דער שופר שרייט צו אונז : עורו ישנים משנתכם ! — פרעגט זי די פראגע : ווארום האט גאט גראדע אויסגעקליבען דיזען ניט אנגענעמען שליח אונז צו וועקען פון שלאף ?

איך געדיינק ווען איך בין געווען א קינד אין חדר, פלעגען זיך די חדר אינגלאך פרעגען א רעטעניש : ווער איז דאס דער קליינער חזנ'דל וואס איז דאר און געל און איינגעהויקערט, אבער אז ער עפענט דאס מויל בלייבען אלע שטיל און דערשראקען ? — זעלבסטפארשטענדליך, אז דער ענטפער איז געווען : דער שופר !

יא, מיינע ליבע צוהערער, דער קליינער דארער און איינגעהויקער־טער שופר האט א געוואלטיגען כח ; ער ציהט מיליאנען אידען אין די שוהלען, אידען וועלכע האבען דעם גאנצען יאהר וועגען דער שוהל אפילו ניט א טראכט געטאן — און נאכמער, ער וועקט אויף א האלב פארלאשענעם פונק אין זייערע הערצער ! — פרעגט זיך די פראגע : אין וואס ליגט דער כח פון שופר ? — אט דיזע פראגע וועל איך פרובירען ענטפערען אין דער קורצער צייט וואס איך האב פאר מיין געברויך.

I

ערשטענס דערמאָנט מיר דער שופר אָן דעם פאַסטוך'ס האָרן מיט וועלכען ער רופט צוזאַמען זיינע שאָף.

די שאָף האָבען אַ מאָדנע געוואוינהייט אוועקצואוואַנדערען ווייט פון זייער פאַסטוך — איבער בערג און טאָלען, איבער פעלדער און וועלדער בלאָנדזשען די שעפּעלאַך אוועק אין פאַרלויף פון טאָג, גאַנץ ווייט פון זייער פאַסטוך. — פּלוצלינג ווען די זון האַלט ביים אונטערגעהן דערהערט זיך דער לאַנגער הילכיגער רוף פון דעם פאַסטוך'ס האָרן אין דער לופט, און אַלע שעפּסעלאַך פון נאָהענט און ווייט נעמען זיך ציהען צו זייער פאַסטוך, ביז זיי רינגלען איהם אַרום פון אַלע זייטען און זיינען גרייט צו געהן מיט איהם וואוהין ער וועט זיי פיהרען.

דאָס אידישע פאָלק האָט אויך די זעלבע געוואוינהייט אוועקצואוואַנדערען ווייט פון זייער פאַסטוך; ניט אומזיסט האָבען איהר די נביאים אַ נאָמען געגעבען שה פזורה ישראל. — באַטראַכטענדיג אונזערע אחינו בני ישראל ווי ווייט זיי זיינען פון גאָט און פון אַלעס וואָס אנבאַלאַנגט צו אידישקייט דעם גאַנצען יאָהר, וואָלט אַ פרעמדער געקענט דיינקען, אַז זיי האָבען זיך שוין אין גאַנצען אָבגעזאָגט פון זייער גאָט. — אָבער פּלוצלינג דערהערט זיך דער רוף פון שופר איבער'ן לאַנד אין חודש אלול, און מען זעהט ווי די אידישע האַרץ נעמט ציהען צו גאָט — כאיל תערוג על אפיקי מים כן נפשי תערוג אליך — זאָ, דאָס ווען דער הייליגער ראש השנה קומט אָן, זעהט מען דאָס גאַנצע פאָלק פאַרזאַמעלט אַרום זייער גאָט, אַזוי ווי אַמאָל ביים באַרג סיני, און מיט גרויס באַגייסטערונג קרוינען זיי איהם פון דאָס ניי פאַר זייער קעניג!

II

צווייטענס סימבאָליזירט דער שופר די שטימע פון אַ טרומייט אויפ'ן שלאַכט־פעלד, וועלכע פאָדערט אויף די אַרמיי אוועקצולייגען זייערע וואַפען. דער רעגימענט האַלט אין מיטען פון אַ שרעקליכען קאַמף; מענשען זיינען פאַרוואַנדעלט אין ווילדע חיות פון וואַלד; אַ שווערד קלינגט אויף אַ שווערד און אַ בעיאָנעט אויף אַ בעיאָנעט; זייערע געזיכטער זיינען באַדעקט מיט שטויב, און מיט שוויס, און מיט בלוט. — פּלוצלינג הערט מען דאָס שאַלען פון אַ טרומפּייט שפּאַלטענדיג די לופט, און די פעכטענדע אַרמייען בלייבען שטיין אויף זייערע ערטער און לייגען אוועק זייערע וואַפען.

אונזער וועלט איז אַ שלאַכט־פעלד; מענשען ראַנגלען זיך איינער מיט'ן צווייטען אין אַ פאַרביטערטען קאַמף פאַר רייכטום און פאַר מאַכט; מען קוקט ניט אויף יושר, מאָראַל אָדער גערעכטיגקייט; אַ ברודער הויבט די האַנד געגען אַ ברודער און קינדער געגען זייערע עלטערען. — פּלוצלינג דערהערט זיך דער קול פון שופר, און אַלע וואָס געהערען צום אידישען פאָלק פאַרמאַכען זייערע סטאָרס און פעקטאָריס און לייגען אוועק זייערע געצייג און נעמען זיך ציהען ווי אַ שטראָם צו די שוהלען, טעמפּלען און בתי מדרשים!

איז דאָס ניט דער שטאַרקסטער ענטפער צו אונזערע שונאים, וועלכע באשולדיגען אונז אז מיר זיינען א פאָלק פון מאַטעריאַליסטען און אז דער דאָלאַר איז טייערער צו א אידען ווי זיין נשמה?

III

דריטענס קומט אונז דער שופר צו דערמאָנען אָן דעם יאָהר פון יובל. — דער אידישער געזעץ פון יובל האָט ניט קיין גלייכען אין די געזעץ־ביכער פון קיין פאָלק — יעדע פופציג יאָר איז געקומען דער יובל; אייגע פון די מצוות פון יובל איז געווען צו בלאָזען שופר איבער'ן גאַנצען לאַנד, און ווי נאָר דער קול פון שופר האָט זיך געלאָזט הערען, פראָקלאַמירענדיג צו דער וועלט אז דער יובל איז אריין אין קראַפט, האָט זיך צוריקגעקערט יעדער פּאַרסעל ריעל־עסטייט, וואָס איז פארקויפט געוואָרען אין דעם פארלויף פון די לעצטע פופציג יאָר, צו איהר פריהערדיגען אייגענטימער. און גאַנץ אָפט האָט פּאַסירט אז די פּראָפּערטי איז געווען אין די הענד פון דעם יעצטיגען אייגענטהימער א גאַנץ קורצע צייט, בלויז איין יאָהר, און דיזער מענש האָט געמאַכט גרויסע ענדערונגען און פארבעסערונגען, און האָט אויסגע־געבען פיעל געלט דארויף; אָבער ווי נאָר דער שופר פון יובל האָט געלאָזט הערען זיין שטימע, איז די פּראָפּערטי שוין ניט געווען זיינע; זי איז אויטאָ־מאַטיש אַרוים פון זיין רשות און צוריק איבערגעגאַנגען צום פריהערדיגען אייגענטהימער!

מיינע ליבע צוהערער! האָט איהר ווען א טראַכט געטאָן אז מיר אַלע שטערבליכע מענשען געפינען זיך פּונקט אין דער זעלבער לאַגע? ווען איינער פון אונז קויפט א הויז, קריגט ער א דאָקומענט אין וועלכען עס איז געשריבען און געחתמ'עט אז די פּראָפּערטי באַלאַנגט צו איהם אויף אייביג! — אָבער וואָס איז די באַדייטונג פון דיזען „אויף אייביג"? — **עס מיינט נאָר ביז זיין יובל!**

יעדער מענש האָט זיין יובל, ווען דער אויפרוף וועט קומען צו איהם צו פארלאָזען אַלעס וואָס ער האָט ערוואָרבען מיט גרוים מיה אין פארלויף פון זיין גאַנצען לעבען און זיך צוריקקערען צו זיין באַשעפער! — וואָס איז דער אונטערשייד פאַר דעם מענשען צי די פּראָפּערטי געהט אוועק פון איהם אָדער ער פון די פּראָפּערטי!

מיר זיינען נאָך אין אַן ערגערער לאַגע, ווי יענער לאַנד־קויפער אין דער צייט ווען יובל האָט עקזיסטירט; יענער האָט כאָטש געקענט אויסרעכענען פאַראויס ווען דער יאָהר פון יובל וועט קומען, אָבער ווען מיר גיבען א טראַכט וועגען אמת'ען יובל, ד. ה. **אונזער לעצטער טאָג**, ווייסען מיר ניט ווען ער וועט קומען; עס קאָן זיין אין צוואַנציג יאָהר און עס קאָן זיין אין צוואַנציג טעג, און עס קאָן זיין אין צוואַנציג מינוטען!

א וואונדערבאַרער וואָרט געפינט זיך אין תלמוד: עס שטעהט אין פּסוק, שוב יום אחד לפני מיתתך. האָט מען געפרעגט פון רבי אליעזר: וויים דען א מענש ווען דער טאָג פון זיין טויט וועט קומען, אז מען זאָל איהם קענען זאָגען ער זאָל תשובה טאָן א טאָג בעפאָר? — האָט ר' אליעזר געענטפערט: טאקי דאָס האָט דער פּסוק געמיינט! ווייל א מענש וויים

ניט ווען זיין לעצטער טאָג איז, דעריבער איז זיין פליכט ער זאָל תשובה טאָן היינט! ווייל עס איז מעגליך אז מאָרגען איז זיין לעצטער טאָג!

IV

פערטענס, און הויפטזעכליך, קומט אונז דער שופר צו דערמאָנען די עקדה שעקר אברהם את יצחק בנו על גבי המזבח. — די עקדה פאַרנעמט דעם וויכטיגסטען פּלאַץ אין די תפילות פון ראש השנה. ווייסט איהר פאַר־וואָס? ווייל זי דערמאָנט אונז אָן די טויזענדע קרבנות וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט מקריב געווען פון גאָטס וועגען אין די פינסטערע צייטען פון מיטעל־אַלטער; אברהם האָט נאָר אויסגעשטרעקט זיין האנד צו שעכטען זיין זוהן, אָבער די טויזענדע טאַטעס און מאַמעס פון וועמען מען האָט געוואָלט אוועקרייסען זייערע קינדער צום שמד האָבען טאַקי בפועל ממש געשאָכטען זייערע קינדער מיט די אייגענע הענד אויף קידוש השם.

(ואולי זו היא כוונת המדרש על הפסוק „וירח ה׳ את ריח הניחוח״ דכתיב גבי נח וז״ל: מה הריח? הריח ריחו של אברהם אבינו עולה מתוך כבשן האש, ריחן של חנניה מישראל ועזריה עולה מתוך כבשון האש וכו׳ ריחו של שמד, עכ״ל. כלומר הקרבן הזה של בהמה או עוף ששוחטין אותו ושורפין אותו על גבי המזבח במה נחשב הוא בעיני הקב״ה! — אבל בתוך העשן העולה מן הקרבן של בהמה או עוף שהקריב נח בצאתו מן התיבה הריח ה׳ בעתיד הרחוק את ריח אלפי אלפים הקרבנות שיקריבו בני בניהם של האבות על קידוש שמו הגדול, ואז אמר ה׳ אל לבו: לא אוסיף עוד לקלל את האדמה בעבור האדם כי יצר לב האדם רע מנעוריו — כלומר רק בנעורי המין האנושי היה אפשר לראות המחזה המעציב איך שכל בני האדם ירדו למדרגה שפלה של בהמה חיה ועוף, אבל בעתיד הרחוק יתרומם האדם למדרגתו היותר רמה עד שיצאו ממנו הקדושים והטהורים שיקריבו את חייהם בעד קדושת שמו הגדול — ובזה מצא נוחם — ואולי זאת היתה כוונת נח בהקריבו בהמה ועוף על המזבח בצאתו מן התיבה, לרמז על תקותו שהדור הבא לא יהיה עוד כדור המבול שלא היה לו שום יתרון על הבהמה, אלא שמכאן ולהבא יכופו בני האדם את יצרם, וישחטו את צד הבהמיי שבאדם על מזבח הקדושה והאידעאליות).

V

און צוליב וואָס האָבען זיי געבראַכט דיזע טייערע קרבנות? כדי צו רעטען די תורה וואָס גאָט האָט זיי איבערגעגעבען אויפ׳ן בארג סיני! און דאָס דערמאָנט אונז אויך דער שופר. — ווייל דער שופר האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע ביי מתן תורה, אזוי ווי דער פסוק זאָגט עדות: ויהי קול השופר הולך וחזק מאד. — צו וואָס האָט מען דאַרטען געדאַרפט דעם שופר? אָנצואווינקען צו דעם אידישען פאָלק אז זיי וועלען דאַרפען דורכ־מאַכען פילע עקדות אין זייער לאַנגער מלחמה וואָס זיי וועלען אָנפירען געגען די גאַנצע וועלט פאַר זייער גאָט און זייער תורה; יצחק האָט געפרעגט זיין טאַטען אברהם׳ען: הנה האש והעצים ואיה השה לעולה? און אברהם

האָט איהם געענטפערט: אלהים יראה לו השה לעולה בני, דאָס הייסט: גאָט זעהט פון ווייטען אז דער שה לעולה איז מיין קינד!

אזוי ווי דער פוט־באָל שפּילער טראָגט זיין באָל דורך די רייהען פון זיינע געגנער; זיי שליידערען איהם צו דער ערד און בריקען איהם מיט די פיס און טרעטען אויף איהם, אָבער ער לאָזט ניט אָב דעם באָל פון זיינע הענד, ביז ער דערגרייכט זיין ציעל, אזוי האָט דאָס אידישע פאָלק געטראָגען איהר גייסטיגען אוצר דורך די רייהען פון פיינדליכע באטאליאָנען, און זי האָט די תורה ניט ארויסגעלאָזט פון די הענד ביז זי האָט דאָס איבערגעגעבען אונז אידען פון היינטיגען דור.

עס איז אָבער טרויעריג צו באמערקען אז דיזער טייערער אוצר איז ארונטערגעקומען אין די הענד פון א גלייכגילטיגען דור; א דור וואָס וויס נאָר ווי צו שעצען דאָלארס און סענטס, אָבער ניט הייליגע ספרים און ווערטער; א דור וואָס האָט אינגאנצען פארגעסען די הייליגע שליחות וואָס גאָט האָט באשטימט פאר אונז דורך די אבות און די נביאים.

דער הויפּטקאָמאנדיר פון א מיליטערישע ארמיי האָט אמאָל אויסגע־קליבען איינעם פון זיינע פארטרויענסווערטהע סאָלדאטען און האָט איהם איבערגעגעבען א וויכטיגען דאָקומענט איבערצובריינגען צו איינעם פון זיינע גענעראלען. אָבער אויפ'ן וועג האָט דער שליח באגעגענט א חברה לעבעדיגע יונגען און האָט זיך אוועקגעזעצט מיט זיי טרינקען און הוליען ביז ער איז ענדליך געפאלען אויפ'ן פלאָאר פארזונקען אין טיפען שלאָף. און ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט, איז שוין געווען צו שפּעט פאר איהם איבערצוגעבען זיין בריף!

זיינען מיר אין דער לאגע פון יענעם סאָלדאט? האָבען מיר פאר־שלאָפען די צייט? — א דאנק גאָט עס איז נאָך ניט צו שפּעט — גאָט האָט אזוי איינגעאָרדענט די ימים טובים ראש השנה און יום כפור, אז פון ראש השנה ביז יום כפור האָבען מיר צעהן טעג צייט — די עשרת ימי תשובה. — לאָמיר זיך באנוצען מיט דיזע צעהן טעג גוטצומאכען וואָס מיר האָבען פארפעהלט דעם גאנצען יאָהר; זאָלען דאָס זיין צעהן טעג פון ערנסטע געדאנקען; צעהן טעג פון חשבון הנפש; פון די 365 טעג וואָס מיר גיבען אוועק פאר די אינטערעסען פון גוף. לאָמיר ארונטערנעמען מעשר דיזע צעהן טעג און זיי אָבגעבען אינגאנצען הייליג פאר די אינטערעסען פון דער נשמה. — אז מיר וועלען דאָס טאָן, וועלען מיר זיך קענען שטעלען מיט מעהר זיכערהייט פאר גאָטס טהראָן צום יום הדין. — לאָמיר באווייזען אין דיזע עטליכע טעג אז וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער אידען זיינען מיר. דאַן וועט גאָט טאָן דאָס זייניגע און אונז אלעמען אנשרייבען א שנת חיים ושלום ופרנסה טובה לנו ולכל ישראל, אמן.

חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא

דרוש לשבת שובה

רבונו של עולם אני שלך וחלומותי שלך, חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא. יהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שיהיו כל חלומותי עלי ועל כל ישראל לטובה, בין שחלמתי על עצמי ובין שחלמתי על אחרים, אם טובים הם חזקם ואמצם ויתקיימו בי ובהם כחלומותיו של יוסף הצדיק ואם צריכים רפואה רפאם כחזקיהו מלך יהודה מחליו וכמרים הנבואה מצרעתה וכנעמן מצרעתו, וכמי מרה על ידי משה רבינו וכמי יריחו על ידי אלישע, וכשם שהפכת את קללת בלעם הרשע מקללה לברכה כן תהפוך כל חלומותי עלי ועל כל ישראל לטובה ותשמרני ותחנני ותרצני — אמן.

התפילה הזאת לקוחה ממסכת ברכות דף נ"ה: האי מאן דחזי חלמא וכו', עיין שם — ויש בזה כמה קושיות:

א) מה ענין חלומות לברכות כהנים?

ב) „חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא" — איך אפשר לסדר תפילה כזאת בעד כל העולם? האפשר הדבר שכל איש האומר תפילה זו חלם חלום ואינו יודע מה הוא? — הלא במסכת ברכות גופא נתנו פתרונים לרוב החלומות!

ג) „ויתקיימו בי כחלומותיו של יוסף הצדיק" — הלא חלומותיו של יוסף הביאו עליו צרה גדולה שנמכר לעבד?

ד) למה דימה פתרון חלומות, דוקא לרפואת חזקיה, מרים, נעמן, מי מרה, מי יריחו, קללת בלעם — האין רפואות אחרות בתנ"ך?

את כל הקושיות האלו אקוה ליישב בדרך ישר בעזרת החונן לאדם דעת.

ידוע הדבר שהתורה וכן חכמינו ז"ל לא תלו שום חשיבות בחלומות, ואדרבא אמרו: כי החלומות שוא ידברו; כל החלומות הולכין אחר הפה; אין חלום בלא דברים בטלים, וכו' וכו' — ומכל מקום צריכים אנו להודות כי יש חלומות שעל כרחינו מוכרחים אנו לשום לב עליהם — לפעמים תשמעו איש זועק בחלומו, וכאשר תגשו אליו תהאו ותווכחו שהוא סובל מאיזה דמיון; קרוב הדבר שדמיון כוזב הוא, ובכל זאת אמת הוא גם כן שבשעה זו סובל הוא, שהלא רואים אתם איך הוא שואף רוח בכבדות, איך הוא צועק, איך נטפי זיעה עומדים על פניו, ותחישו להסיר את ידו מעל לבו או להקיצו.

יש חלומות אשר תוצאותיהם עוד יותר איומות מזה — מפני שהחולם עושה מעשים ממשיים בחלום, כמו הלוך, טפוס על הגג, קפוץ מעל הגשר למים, ולכן הסכנה גדולה, ראשית כל לעצמם — בטח קראתם פעמים הרבה ממקרים רעים שצמחו ממעשי בעלי חלומות כאלה(Somnambulists) — ויש אשר הסכנה עוברת גם לאחרים; כן קראתי לפני איזה זמן מבעל חלומות כזה ששחט משפחה שלמה!

ויש חלום אחד שהוא יותר רציניי (serious) מכל החלומות שבעולם; והוא חלום החיים! הנמשך כשבעים שנה, ואשר בו כל בני האדם מהלכים בחלום, ועושים מעשים אשר תוצאותיהם לפעמים נוראות לדור דורות להם ולאחרים... ויש מן החולמים האלה שאינם מקיצים כל ימי חייהם, אבל להיפך ידמו שהם עושים מעשים אמיתים ונכבדים, ושותפים הם להקב"ה במעשה בראשית! ואף על מטת המות יקיצו, ואז כבר עבר המועד ואין עוד פנאי לתקן את אשר עוותו! — עליהם אמרו חז"ל: כל הלן שבעה ימים בלא חלום נקרא רע (ברכות קי"ט) — וקשה, מדוע אמר „ימים"? הלא רוב החלומות חולמים בלילה, והיה צריך לומר „לילות"? אבל האמת הוא כי המאמר הזה מוסב על חלום החיים, ושבעת הימים שאמר, הם ימים סימבליים שמרמזים על ז' עשרות השנים של ימי חיינו — ורצונם היה לומר: כל המבלה את כל ימי חייו מבלי ראות שכל מעשיו בעולם הזה הם רק חלום, נקרא רע, מפני שאיש כזה בודאי ישקיע את עצמו בהבלי העולם ולא יעשה שום דבר לנשמתו — כן חלפתי לפני בית אחד במורד העיר ניו יארק והאיתי בעה"ב משליך את שכנו לחוץ בפלילים — שאלתי אותו שורש דבר, ואמר לי הבעה"ב כי שכנו זה שהיה דר בביתו איזה זמן נשתגע וטוען שהוא בעצמו הוא בעל הבית—והנה כל זמן שהיה משלם לי שכר־דירה, אע"פ שלבש גאות בעת שבאתי לגבות את ממוני וטען שהוא הוא בעל הבית, צחקתי על שגעונו והלכתי לדרכי; אבל במשך הזמן החל לדבר אלי עזות, ולסוף חדל לשלם לגמרי, ולא היה לי ברירה אחרת כי אם להוציאו מביתי. כן ראיתי פעם אחרת משוגע אחר שעבר תמיד לפני ארמונו של וואנדרבילט ואמר כי זה ביתו! — ומשפחת וואנדרבילט שישבו בפנים צחקו על חלומותיו ונהנו מזה; אבל ברבות הימים הרהיב עוז כל כך עד שנגש להסיר את החלונות מן הבית ולשבור את משוכת החצר, ואז שמוהו בבית המשוגעים.

רבותי כאשר נחפשה דרכינו ונחקורה בימים הקדושים האלה נמצא שכולנו משוגעים ממין הזה — וכבר אמר הרמב"ם ז"ל: אלמלא המשוגעים היה העולם חסר — גם אנחנו מדמים שהעולם כולו שלנו ואין אדונים לנו, ומכל מקום כל זמן שעוד עולה על דעתינו (אפילו אם רק פעם אחת בשנה) לאמר „אולי חלום הוא?" עוד לא עבדה תקותנו לשוב בתשובה שלמה לפני אבינו שבשמים, אבל אם ישתגע אדם כל כך עד שכל ימי חייו לא יעלה על דעתו כלל שהחיים הם רק חלום ארוך, אז בודאי יאמר שלית דין ולית דיין, ויעשה מה שלבו חפץ — ועל כן קראו אותו חז"ל רע.

* * *

אבל הרוב ממנו מקיצים מחלומם אחת בשנה — ביום הקדוש — ואז כשמפשפשים במעשיהם ורואים מה שעשו במשך כל השנה, מכים על לבם וחוזרים בתשובה בקול רעש גדול; אבל אהה! כי כאשר יעברו הימים

הקדושים תרדמה עמוקה נופלת עליהם עוד הפעם וחולמים הם כבתחילה! — עליהם נוכל לבאר את התפילה: „וכל מאמינים שהוא עונה לחש, הפותח שער לדופקי בתשובה" וקשה אם הוא עונה לחש פשיטא שפותח שער לדופקי בתשובה? — ואבאר זאת לכם ע"פ דוגמא: בטח ידעתם שבכל „חברות האחים" (לאדזשען) יש להם איזה מלה (password) מיוחדת לסימן לחברי האגודה כשבאים אל האסיפה — ובדלת חדר האספה יש חור, ואצלה יושב שומר הפתח, וכשבא החבר אל האסיפה, לוחש את המלה הידועה בעד החור, ואז יפתח לו השומר את הדלת. — פעם אחת נשמע דפיקה גדולה על הדלת, והשומר לא שם לבו כלל לזה; וכאשר שאלו אותו מדוע לא יפתח הדלת, ענה, שמן הדפיקה עצמה יודע הוא שהדופק איננו חבר, כי חבר לא ידפוק אלא לוחש לו את המלה הידועה באזנו — כן הדבר ג"כ בנוגע לאחב"י הבאים להתיצב לפני ה' בימים הקדושים האלה; יש מספר קטן של יחידי סגולה שאינם מרחיקים את עצמם מקונם כל השנה; והם אינם „דופקים" בראש השנה ויום כפור הרבה יותר מבכל השנה; אבל רוב העם שוכחים את ה' כל השנה, ובימים הנוראים כשבאים אל בית ה' רוצים לתקן בשלשה ימים מה שקלקלו כל השנה, ולכן „דופקים" בחזקה ועושים רעש גדול — וכמובן מן המשל לא היה צריך הקב"ה לפתוח להם כלל, כי מן הדפיקה עצמה מוכח שהם זרים לבית ה'; אבל מדת הקב"ה לא כמדת בשר ודם, וזהו שאמר מתקן התפילה הנ"ל: אע"פ שכלנו מאמינים שהקב"ה הוא **עונה לחש**, מ"מ יפתח שערי תשובה גם **לדופקי** בתשובה. וד"ל.

II

על החולמים האלה, כלומר על החולמים בהקיץ, התקינו חכמינו את התפילה שהצגנו בראש הדרוש הזה, ואמרו: רבונו של עולם אני שלך וחלומותי שלך, ר"ל אני בידיך וחלומותי בידיך, חלום חלמתי אבל אינני יודע מה יהיה טיבו של החלום הזה — לדוגמא: הנה עומד לפנינו איש אחד שחלם שבלה את כל ימי חייו בעשיית עושר וגם הצליח — התחיל בקופת הרוכלים ועתה יש לו בית חרושת גדול או בית מסחר־כללי בבראדוויי — ועומד הוא על המדרגה העליונה של סולמו, ומוריד את מבטו על בני האדם השפלים, האי־מוצלחים, ואומר מי ידמה לי ומי ישוה לי! — אבל אם היה חכם באמת, היה קורא: **חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא!** — יוכל היות כי בשעה זו עצמה נחשול גדול בדמות (financial crash) עולה מן הים על עולם המסחר, וכל עשרו יעלה בעשן, ולא לבד עשרו אלא גם כסף זרים שתחת ידו, ואולי כסף שנקבץ בזיעה ובדם, כסף יתומות ואלמנות — ואין זה דבר חדש תחת השמש, בידוע שכמה מיליונרים עשו קץ לחייהם, וכמה כלו שנותיהם בבית האסורים. — אדם אחר חולם שהעמיד את בניו על בסיס נאמן, אבל לפעמים קרובות יארע שטעה בחשבונו, ולא לבד שלא הצליח אותם אלא שסיבב להם רעה רבה בתחבולותיו — גם הוא יכול לומר באנחה המשברת את הגוף: **חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא!** — אדם אחר חולם שקנה לו עולם הבא; נתן ממון הרבה לצדקה, לתלמיד תורה, לבתי כנסיות וכו' — אבל בבואו לעלמא דקשוט

יכול להיות שימצא שכל סחורתו היתה פסולה (קאנטראבאנד); כספו שנתן לצדקה בא לו משוד עניים מאנקת אביונים (כידוע לכם שיש הרבה מיליונירים שעושקים את פועליהם ונותנים לצדקה), או שעשה עושר ממסחרים אסורים וכעורים וכו' — ועליו נאמר: לא תביא אתנן זונה ומחיר כלב בית ה' — גם האיש הזה יקרא מכאב לב: **חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא!** — ולפעמים יחלום אדם שהוא עושה גדולות בעד הכלל (כידוע לכם שהערים הגדולות באמיריקה שורצות „עוסקים בצרכי צבור" כצפרדעים), אבל כשיבא לעלמא דקשוט יאמר: **חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא!** — כי יבהל וישתומם למצא את שמו רשום בכתב אמת לא בין מנהיגי העם אלא בין המתעים ומהרסים!

III

אם טובים הם חזקם ואמצם! — חלום החיים הוא כל כך מסובך, ותכליתו כל כך מכוסה בענן העתיד הנסתר עד אשר אין אתנו יודע עד מה באמת הוא טוב לנו ומה רע לנו — היה היו אב ואם יהודים בטולידה אשר בספרד שלא נתן להם ה' בנים, וקרעו שערי שמים עד אשר נעתר להם ה' ויתן להם בן, וכאשר גדל הילד ויהי לנער נתפרסם בכל קהילות ישראל לעילוי, וכשנעשה בר מצוה דרש מעל הבימה בבית הכנסת שבעירו, ולשמחת הוריו אין קץ — וכאשר גדל ויהי לאיש (בודאי תחכו שאומר לכם שנכתר בכתר הרבנות ויהי לרב הגליל) המיר את דתו וימיט חרפה על אבותיו ורעה רבה על כל עדת ישראל אשר בספרד, תחת אשר קוו אבותיו לראותו יושב על כסא הרבנות, נעשה כומר קאתולי ושונא עריץ ליהודים ויהדות; הוא היה אבי הגזרות, ועזר הרבה לסבב את הגירוש. — האם לא טוב טוב היה להוריו אם היו הולכים ערירים; אבל הם לא ידעו את הנסתר בערפלי העתיד, ואילו היו הולכים ערירים היו יורדים אבל שאולה, ולכן הרבו תפילה שיתן להם ה' זרע קיימא ושמחו לקראת באו כשמחת בקציר, בעת שבאמת היו צריכים לחגור שק ולעשות להם מספד תמרורים בהולדו! — ולהיפך האם לא ראינו הרבה פעמים בתולדתנו שממר יצא מתוק? אין לך סיפור המתאר אופן כזה בצבעים יותר חזקים מסיפור יוסף ואחיו — נער רך בשנים, ענוג ומפונק, נמכר לעבד ומובל לארץ רחוקה ונכריה; האם לא היה נראה לעיני בשר שאחריתו עדי אובד? — אבל הנה יד נעלמה אחזה בציצת ראש העבד האומלל הזה ותרוממהו למדרגת משנה למלך! ומי אשר עינים לו ולא ילמד מסיפור זה שזהו גורל בן תמותה אשר לא ידע לעולם מה טוב ומה רע לו? — הנה יושב לו אדם אחד ומדמה שהוא בצרה גדולה, ויוכל היות שזאת הצרה נועדה להצליחהו הצלחה נצחת — וזוהי שביוון מתקן התפילה הזאת במאמרו: אם טובים הם חזקם ואמצם ויתקיימו בי ובהם **כחלומותיו של יוסף הצדיק**, שהיו רעים לפי שעה אבל סופם היה יציאת מצרים, ביאת ארץ ישראל, וכו'.

IV

ואם צריכים רפואה רפאם כחזקיהו מלך יהודה מחליו. — רבים חושבים שהדברים האלו מרמזים על חולי גופו המסופר בספר מלכים, אבל לי נראה שהדברים מוסבים על חולי נפשו המסופר בדברי הימים (ל"ב, כ"ה): „ולא כגמול עליו השיב חזקיהו כי גבה לבו" — ומה היה גבהות לבו? שהראה למלאכי מלך אשור את כל בית נכאתו, והמפרשים תמהים על זה ושואלים איזה עון אשר חטא נמצא בזה? ומפרשים זה בכה וזה בכה. — לדעתי אין אנו צריכים להתרחק הרבה מן הפשט הפשוט למצא שורש חטאו של חזקיהו; די לנו מה שמגלה הכתוב שהתאמץ למצא חן בעיני הגויים ולהתגאות לפניהם ברוב עשרו, וכראות העם שמלך צדיק כחזקיהו שואף להתיפות לפני הגויים, בלי ספק עשו גם הם מה שבכחם לחקות את הגויים ולמצא חן בעיניהם, ועל זה „היה קצף עליו ועל יהודה וירושלים", ואז נכנע חזקיהו לפני ה' כמסופר שם בדה"י.

זוהי המחלה והרפואה הנזכרים בתפילת „אני שלך וחלומותי שלך" — ואף כי אין לנו היום לא מלך ולא מלוכה, אבל המחלה של „גבה לב" והשאיפה להתיפות בעיני שכנינו הגויים חזקה אצלנו היום כמו אז; וביחוד בין עשירינו.

חשוב מה שתחשוב אודות העשירים בכלל ועשירינו בפרט, אבל לנו להודות שיש להם כח גדול בנוגע לאמונתנו. אינני מדבר כעת מן הכח אשר בידם לפזר ממון, לפי שזה שייך לענין צדקה שאין אני עוסק בזה כעת; אבל כוונתי על הכח אשר בידם לחזק את מוסדות היהדות **ע"י דרכי חייהם והנהגתם הפרטי.**

ידוע הדבר שבני העם לא יחקו את החכמים או את הסופרים או את הפילוסופים או את הרבנים, אבל יחקו **את העשירים**, ונשי העם ובנותיהם אפילו אותן העובדות עבודת פרך במחיר מצער מתאמצות דוקא לחקות את אשת וואנדרבילט — אפילו אם תעשה לה קרנים — לפני איזה שנים יצאה המאָדע בין הנשים ללבוש כובעים במסגרת רחבה מאד וגג שפל כל כך עד שלא נראה כלל; וספר לי איש אחד ממקור נאמן את מוצא הכובע הזה: בלונדון עשתה המלכה משתה נשף ותזמין את כל הגדולים אשר בארץ. במשך הנשף הניחה אשת אחד השרים את כובעה על הכסא ואחד הלורדים מבלי משים ישב עליה. כאשר ראתה בעלת הכובע את הנעשה לכובעה, נסתה לתקנו אבל לא יכלה, והיתה מוכרחת ללבשו כמו שהוא; ובצאתה מן הארמון אל המרכבה ראוה איזה מן העוברים, וחשבו שבלי ספק זוהי המאָדע האחרונה בכובעים, ולמחרת יצאו כל הנשים בכובעים בלי גגות. — ושוב מעשה בלורד רוזברי שהחל נסיעה פוליטית בערי המדינה, ובבואו לכפר קטן אחד עשו חברי המפלגה שלו משתה נשף בעדו, וחפשו אחר יין ומצאו שם רק מחזיק בית מלון אחד, ולו חבית יין שלא מצא לה גואלים זה עשר שנים, וההכרח אלצם לקחת את היין הזה. — ויהי אך שתה הלורד את הכוס הראשון ראה מיד שחומץ הוא; אבל איש כמוהו יודע למשול ברוח, ויקרא: אך זה הוא יין טוב! (אולי בלשון סגי נהור) — ואחריו ענו כן כל המסובין שם — למחרת נסבו כל בני הכפר על בעל בית

המלון וישלמו לו במיטב כספם בעד בקבוקים קטנים מן היין הנפלא הזה — ומה בכך אם טעמו טעם חומץ, אבל הלא יין מלכים הוא!

היוצא לנו מזה שיש כח גדול לגבירינו להדריך את העם בדרך אמונה אך ורק בדרכי חייהם; וכן באמת עשו כזאת הגבירים שבדור העבר — הגביר היהודי בכל עיר מערי העולם הישן היה הראשון לכל דבר שבקדושה; הוא היה גבאי הצדקה, נשיא הת"ת, לומד שיעור גמרא לפני העם; רוצה היה הגביר לנחול כבוד בכל העתים ובכל הארצות, אבל לא שכח את הכתוב: „הוה גביר לאחיך" — רק מידי בני עמו ובאי שער עירו ביקש את הכבוד והיקר — היה בא במלבושי כבוד לבית הכנסת; הי' קונה חתן תורה או חתן בראשית ומשלם במיטב כספו וכו'; אשתו הגבירה היתה מלבשת את בני הת"ת בגדים חדשים לימי החג, היתה מכניסה כלות עניות לחופה, היתה מנדבת ס"ת להיכל ומובילה אותו בתופים ובמחולות ברחובות העיר וכו'. — העתים והאנשים לבשו צורה אחרת לגמרי בארץ הזאת — כבוד מבני עמם לא נחשב למאומה בעיני גבירינו, אלא להיפך עובדים עבודה גדולה ומזילים זהב רב לנחול כבוד בכרמי זרים; מנדבים סכומים עצומים לאוניברסיטאות ואפילו לבתי תפילות של נוצרים; עושים סעודות לאצילים וחושבים זאת לכבוד גדול אם האצילים משפילים את כבודם לבא אליהם.... מגדלים סוסים קלים ומריצים אותם על שדה המרוץ, וכו' וכו' — בקצרה, גבירינו מתחרים בכל עוז למצא חן בעיני הגויים, ואם יראו את שמם זכור לטוב באיזה מכתב עתי בשפת המדינה ישמחו כעל כל הון! — זוהי מחלת חזקיהו! — וכאשר מצא חזקיהו כי בזאת שהראה את עשרו לשלוחי מלך אשור הועיל אך להוותו, ואז נכנע לפני ה', כן מוצאים גם עשירינו כי חלום שוא חלמו; ביחוד בבואם אל מלון אורחים לבני האצילים (Aristocratic Hotel) ורואים טבלא על הכותל: „אורחים יהודים אינם מקובלים במקום הזה"! — ועליהם אמרו חז"ל בתפילה דלעיל: ואם צריכים רפואה **רפאם כחזקיהו מלך יהודה מחליו**, כדי שיחזרו לבקש כבוד מידי בני עמם ובמקדשי ישראל, ומהם יראו בני העם וכן יעשו, וד"ל.

V

וכמרים הנביאה מצרעתה — חטאת מרים ידועה לכל (שדברה במשה), אבל חז"ל אמרו שמרים לשם שמים נתכוונה על שפירש משה מאשתו, כידוע — המכה הזאת של חוטאים לשם שמים נתפשטה הרבה בארץ הזאת — אספר לכם ציור אחד מן החיים שיפיץ אור על המחלה הזאת: — לפני איזה ימים ראיתי המון מלווים הולכים אחר מטת מת; הלכתי אף אני עמהם, ושמעתי אחד מספר בשבח המת כדברים האלה: חבל על דאבדין, איש זקן ובר אוריין, בודד ונעזב ממשפחתו שכולם בעולם הישן ומחכים לבאו! — והשני עונה לעומתו: „איננו כדאי שנשפוך דמעות עליו; הידעתם את עבודתו בארץ הזאת? היה מחלל שבת בפרהסיא; היה מחזיק שלחן של משקאות (סטענד) בקרן זוית פלונית ופלונית והיה יושב בעצמו ומוכר; ולא עוד אלא שבאותה עונה היה מחזיק מסכת שבת בידו והיה לומד בה, כמומר להכעיס!" — „אל תרבו לזלזל בפני המת!"

אמר השלישי — „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו; אני ידעתיו מארץ מולדתו, הוא ממשפחת גדולים, מצאצאי הרבי הזקן מסאדיגורה — וכל ימיו היה ירא את האלהים מאד, אבל לאחרונה ירד מנכסיו ופרנס את משפחתו בצער ודוחק; וכאשר ראה אנשים מעירו שהיו איזה שנים באמיריקה וחזרו לביתם עם ממון הרבה, הצליח מעשה שטן להסיתו גם הוא לילך לאמיריקה — בקיצור, הוא בא הנה וימצא לדאבון נפשו שבאמיריקה הכל טרפה, הבשר והחלב והלחם, ואפילו האבנים שבריצפת הרחוב (מאמר מורגל בפי הזקנים מדור הישן), והיהודים האמיריקאים אסור אפילו להתפלל עמהם בצבור לפי שכולם עבריינים — כשראה מה שראה רצה לחזור לארץ הישן מיד, אבל דא עקא שלא היה לו כסף להוצאת הדרך — נסה לעשות מסחרים שונים ולא הצליח — לאחרונה קנו לו בני עירו את הסטענד הזה, אבל כאשר לא עשה מסחר ביום השבת לא הצליח גם בזה — פעם אחת באתי אני ואחרים מבני עירו לבקרו (כן מספר האיש מבני הלוויה) והתאונן מאד על מר גורלו, ובתוך דבריו אמר לנו שהוא מתפלא איך הרוויחו פלוני ופלוני מבני עירנו ממון הרבה בארץ הזאת! — והשיבו לו בני עירו שהדבר פשוט; הם חיללו את השבת! — רחמנא ישמור ויציל אותי מזה! אמר ה„ירוק" — אבל בני עירו שכבר „נתאמרקו" אמרו לו שלעולם לא יצליח אם לא יעשה גם הוא כמוהם; והאם לא טוב טוב הוא להיות רשע חמש שנים ולחזור בתשובה שלמה אח"כ, מלהיות רשע כל ימיו בארץ הטרפה הזאת ולמות ולהקבר בה?! — הדברים האלה הכו שורש עמוק בלבו וגמר בדעתו לחלל את השבת חמש שנים כדי שיוכל להיות יהודי כשר אח"כ. — אבל אהה! הקב"ה לקח אותו מן החיים שנה אחת לפני גמרו את חמש שניו!" — כל זאת סיפר לנו בן עירו; וראיתי מדבריו שגם הוא היה באותה עצה שנתנו בני עירו לזה הנפטר, ולכן אמרתי אליו: על הנפטר הזה ועליך ועל חבריך שיעצו אותו כזאת קאי התפילה הקבועה בזכרונות: כי זכר כל המעשים לפניך בא, מעשה איש (שחילל את השבת) ופקודתו (שבא עליו פקודת כל האדם בטרם שהספיק לעשות תשובה) ועלילות מצעדי גבר (הלקח הרע שלמדו בני עמו ממעשיו; שאמרו אם איש למדן ובן אבהן כזה מחלל את השבת אנחנו לא כל שכן), מחשבות אדם (מה שהיה במחשבתו לגמור את ימיו כיהודי כשר) ותחבולותיו (כלומר, והתחבולות שעשה להוציא את מחשבתו אל הפועל ע"י חילול שבת), ויצרי מעללי איש (כלומר, וגם אין הקב"ה שוכח את האנשים ששימשו בתור יצה"ר לעלילותיו, והיינו אנשים כמוך וחבריך!).

ואם תחשבו שהאיש הזה היה השוטה היחידי שסרח לשם שמים, תהיו טועים מאד, כי באמת יש אנשים לאלפים העושים במעשהו; עדים הם אלפי היהודים האורטודוקסים ההולכים לבית הכנסת ביום השבת בבוקר, ובניהם (לפעמים נערים שכבר הגיעו לשלש עשרה שנה) נושאים את טליתיהם אחריהם; ועדים הבעלי בתים הנכבדים הרוכבים במרכבת העיר בכל יום השבת בבוקר כדי להתפלל עם בני חברתם הידועים בשם „אנשי עניים מדעת"; וערים בתי המסחרים הכלליים (department stores) במעלי נויארק שמעמידים מוכרים ומוכרות עודפים ביום השבת למען נשי ישראל הממלאים את החנויות לקנות דברים הנצרכים להב(shopping) לכבוד שבת, וביניהן הרבה מן הנשים בעלות פאה נכרית, שבאותו בוקר

עצמו שפכו דמעות כמים על תחינות שרה בת טובים זכותה תגן עליהן ועל בעליהן ועל צאצאיהן וכו׳.

זוהי מחלת מרים הנבואה! כלומר **חטאת לשם שמים** — ועליהן ועל כיוצא בהן קבעו בתפילת „חלום חלמתי" את המאמר: ואם צריכים רפואה רפאם וכו׳ **כמרים הנביאה מצרעתה**! לרמז להם שאף חלום שקר חלמו להם שאפשר לעבור עברה לשם שמים, ובאמת פיגול הוא לא ירצה.

VI

וכנעמן מצרעתו — נעמן היה איש גיבור חיל ומצורע — שמע שיש „יהודי טוב", אלישע, המרפא חולים בדרך נס — אשתו הפצירה בו ללכת אליו — וישמע נעמן לאשתו וילך אל ארץ יהודה ויעמוד לפני האיש עושה הנפלאות — אלישע אמר לו שילך וירחץ שבע פעמים בירדן ויטהר מצרעתו! — כשמוע זאת נעמן צחק על הנביא ועל חלומותיו ויחפוץ לחזור לארצו — ורק בקושי גדול הניעו אותו עבדיו לשמוע בקול הנביא ולנסות את הרפואה שצווה לו למחלתו — והנה ראה זה פלא! כאשר מלא אחרי דברי הנביא וירחץ שבע פעמים בירדן שב בשרו ויהי כבשר נער קטן! —

אני רואה בסיפור הזה לקח טוב לבני הנעורים מבני דורינו שאומרים שמאמינים הם בה׳ באמונה שלמה, אבל אינם מאמינים בצירימוניות, כידוע לכם טענותיהם, ה׳ יראה ללבב, ודבר שפתים אך למותר, וא"כ למה לנו רוב התפילות והכריעות ושאר מצות המעשיות, וכו׳ וכו׳ — אבל האמת הוא כי כמו שאי אפשר לשלהבת בלי נר או עצים או גחלים כן אי אפשר לאמונה בלי קיום המצוות המעשיות; וביחוד אי אפשר לגדל דור שומר אמונה מבלי אשר יראו את אבותיהם שומרי מצוות בפועל, כי דברים שבלב אינם נמסרים לאחרים — וזהו ביאור: וכל מאמינים שהוא אל אמונה (ר"ל אפילו אותם השומרים את המצות מודים שהעיקר הוא האמונה שבלב) אבל בכל זאת „הבוחן ובודק גנזי נסתרות (כלומר, ובכל זאת מחפש הקב"ה בבית גנזיו אם נמצאים שם גם מעשים טובים שיצטרפו עם האמונה שבלב) — וכן אבדה האמונה ונכרתה מפיהם (כלומר גם האמונה שבלב אבדה, אם נכרתה מפיהם, כלומר, אם אינם מתפללים בפה ולשון סוף שגם האמונה שבלב תאבד מהם). — והראשון שטען טענה זו היה קרח שאמר: רב לכם כי כל העדה כלם קדושים ובתוכם ה׳ (כלומר ה׳ בקרב לבם, אע"פ שאינם עוברים אותו בפיהם), ומסופו ראו בני דורו שאין הדעה הזאת רצויה בעיני ה׳ (וכבר בארתי את הענין הזה באריכות במקום אחר ואיני רוצה לחזור על הדברים).

ונראה שנעמן היה גם הוא מבני הדעה הזאת ולכן כשאמר לו הנביא: לך ורחץ שבע פעמים בירדן ותטהר! אמר שאיננו מאמין בצירומוניות, ואם עושה נפלאות הוא הנביא ירפאהו בהנפת ידו או במאמר פיו — ואילו היה עומד בדעתו זאת היה נשאר מצורע כל ימיו; לפי שאפילו הרפואה הבאה מיד הקב"ה בעצמו צריכה איזה מעשה ממשית שעל ידה תחול על החולה — אבל להפצרת עבדיו נעתר להם ויעש כדבר הנביא, ומיד נתרפא — ומפני שבני דעה כזאת נמצאים בכל דור והם הם הצריכים רפואה, לכן קבעו מתקני התפילות את הענין הזה בתפילות „רבונו של עולם, חלום

חלמתי ואיני יודע מה הוא" להורות לבני הדעה הזאת שנמצאים בכל דור שרק חלום שוא חלמו להם, ובאמת אין תשובה בלי מעשים טובים, ודברים שבלב אינם דברים — ואם רוצים שיקויים בהם: „ושב ורפא לו" יחזרו בתשובה בפועל ממש כמו שהזהירו לנו רבותינו — וזהו ביאור: ואם צריכים רפואה רפאם וכו' **כנעמן מצרעתו,** שלא נתרפא עד שקיים את מאמר הנביא בפועל.

VII

וכמי מרה ע"י **משה רבינו** — בטח ידעתם את הסיפור המסופר בתורה על דבר מי מרה; איך באו בני ישראל מרתה, ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם, ויצעק משה אל ה' ויורהו ה' עץ, וישלך את המים וימתקו המים — אני מבאר את הסיפור הזה בדרך מליצה על המים המרים אשר בחיים: — החלום היותר מר בחיינו הוא חלום **הבנים;** כל אחד מאתנו חולם חלומות אשר יסודם באושר בניו **ובהטוב אשר ימצא גם הוא באשרם;** וכמעט כל אחד מאתנו מוצא לבסוף כי טעה בחשבונו. — היה לי מודע בנויארק, איש בא בימים שהיה לו בן יחיד, והיו הזקן ואשתו ממש ממיתים את עצמם עליו, להעמידו על בסים נאמן. לצעיר היו כשרונות טובים, ואבותיו היו עובדים בזיעת אפים ומשלמים הוצאות לקחו בבית מדרש לרפואה; ובלי ספק חלמו חלומות איך שבאחרית הימים נכון יהיה ארמון בנם באחת הרחובות המפורסמים, ואיך יבדיל להוריו מספר חדרים בארמונו, וילבישם בגדי כבוד וישכור להם משרתים וכו' וכו'; וכאשר יבאו קרואים לביתו יביאם אל אביו ואמו החדרה ויציגם לפניהם, ויאמר להם: הביטו בזקנים האלו, אבי ואמי הם! כל העושר וכל הכבוד שראיתם בביתי וכל ידיעותי שלהם הם! ואביו בכפה חדשה על ראשו, וזקנו עשוי ומוסרק, יקום לקראתם ויספר להם את כשרונות הבן היקר שנתן לו השם ואת מעלות רוחו וכל הטוב אשר גמל וגומל לאבותיו וכו' וכו', — זהו החלום שחלמו, ועתה אספר לכם מה שקרה בפועל: הבן באמת השלים את חק למודו, ובאמת יצא לו שם כאחד הרופאים הגדולים אשר בארץ, ובאמת עלה לגדולה ויש לו ארמון כזה שחלמו לו אבותיו, אבל אהה! שני הזקנים, אביו ואמו, נמצאים במושב זקנים, ואומרים, חלום חלמנו ולא ידענו מה הוא! — מתחילה אמנם לקח הבן את אבותיו לארמונו, אבל אשתו רעמה פנים על זה, ובמשך הזמן גם הבן החל להתבייש בשני הזקנים נגד מבקריו הארסטוקרטים; ובבוקר אחד בא אליהם החדרה, ויאמר: אבי, דבר לי אליך; בטח נוכחתם בעצמכם אתה ואמי כי לא יכיר אתכם המקום הזה, והדבר לא לנחת גם לי גם לכם; האנשים הבאים אל ביתי אינם מן הסוג שלכם וכו' וכו'; הדבר היותר טוב לכם הוא לקבוע דירתכם במושב זקנים; שמעתי כי גן עדן הוא המקום הזה לזקנים וכו' וכו' אני אשלם בעדכם כל ימי חייכם וכו' וכו' — והבן הזה לא היה מן הבנים היותר רעים; קראתי במכ"ע מבן רופא שהוכרח אביו הזקן לטוענו בערכאות של עכו"ם בעד מזונות, וכאשר הוציא השופט את משפטו לזכות האב הזקן ערער הבן על המשפט הזה, והדין עומד להתברר שנית בבית משפט הגבוה!

מה היא סיבת המכה הזאת שמעולם לא נראתה בגבול ישראל? הלא

אדרבא כבוד אב ואם היה יסוד הנמוס העברי? הסיבה היחידה לנגע הזה שנראה בבית ישראל באמיריקה היא עזיבת חינוך הבנים בתורה! — האבות בארץ הזאת מתאמצים בכל כחם להכשיר את בניהם בלימודי חול, אבל את לימודי הקודש יזניחו לגמרי — וזאת לדעת שהגרעין של כבוד אב ואם נמצא אך ורק בתורתנו, ואם אין תורה אין כבוד אבות — ובדרך מליצה אפשר לבאר ענין המים המרים ורפואתם על הענין הנ"ל: ויורהו ה' עץ (התורה היא עץ החיים), וישלך אל המים (אל המים המרים של מרידת הבנים באבות השליך את החינוך העברי), וימתקו המים — כלומר ע"י החינוך בתורה נהפך לב בנים לטוב אל אבותיהם.

VIII

וכמי יריחו על ידי אלישע — כידוע לכל שומעי, היו מי יריחו רעים, ועל ידי זה הארץ משכלת, ואלישע רפא את המים ע"י ששם מלח בצלוחית חדשה והשליך לתוך המים (עיין מלכים ב' — ב') — רבים מבני האדם חולמים שישיגו את האושר האמיתי על ידי אסיפת ממון, אבל כשיזקינו ימצאו שמלבד שהכסף לא ילך אתם בקבר אלא שגם בעולם הזה לא יביא הכסף את האושר האמתי — וכן העידו הרבה מן העשירים היותר גדולים שבכל דור, כי לבסוף כאשר השיגו את העושר שרדפו אחריו שנים הרבה, הרגישו שאיזה דבר חסר בו, ונפשם נשארה ריקה כבתחילה — לפתרון החידה הסתומה הזאת אמרו חז"ל: **מלח ממון חסר!** — וביאור הדברים, שכמו שהמלח מעמיד את הבשר ומקיימו, כן הצדקה מעמדת את העושר ומקיימת אותו לעד — טבע המלח כשאתה מעמיד בו את האוכלין, שהוא בעצמו נמס והולך עד שלא נשאר זכר ממנו, אבל על ידי זה האוכלין מתקיימים, וכמו שאין טעם בתפל בלי מלח כן אין טעם בעושר בלי צדקה, ואף על פי שלעיני בשר נראה כאלו נותני הצדקה מחסרים את ממונם, אבל באמת הצדקה היא היא המקיימת את העושר, וגם גורמת לשמם של הנותנים שיעמדו לדור דורים ולא ימושו מפי בני האדם (עדים הם הבארון הירש, אנדריו קארנגיע, שע"י צדקתם ינון שמם לעולם ועד) — וזהו באור: **וכמי יריחו על ידי אלישע.**

IX

וכשם שהפכת את קללת בלעם הרשע וכו' — הדברים האלה מוסבים על המהרסים בתוכנו **המטיפים להתבוללות** — זה לא כביר באתי בדברים עם איש אחד מן הכת הנ"ל, ואמר לי שהדבר ברור אצלו שסיבת האנטישמיות הוא הקיר המבדיל בין ישראל לעמים — טבע האדם לשנא את הבדל ממנו, ובפרט כשהוא הבעל הבית והבדל ממנו הוא אורח נטה ללון, והאורח הזה אומר כי לא יוכל לאכול אתו לחם וכו' — ולכן העצה היעוצה ממנו היא לפרוץ את הגדרות האלו, ולהיות ככל הגוים בית ישראל — באו אחרים והוסיפו עוד על הדברים האלה „בנותיכם תתנו להם ובנותיהם תקחו לבניכם", ואז יאמרו לכם „אחינו אתה", והכל על מקומו יבא בשלום, ובא לציון גואל!

שוטים שבעולם! אם רצה ישראל לעשות כזאת לא היה צריך להגרש מספרד, ולא היה צריך לעלות על המוקד שערכו לו האינקוויזוטורים, וכו' וכו' וגם לא היה צריך לבעלי עצה כמוכם.

העצה הזאת שיועצים לנו מאהבינו המזוייפים **זוהי קללת בלעם הרשע**. לכאורה נראה משטחיות הדברים שבלעם לא קלל אותנו כלל, אלא להיפך ברך ושיבח אותנו.... אבל בסוף דבריו הטיף טיפת רעל במאמר: לך איעצך מה יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים (כלומר, אתן לך עצה שתסבב **שהעם הזה יהפך להיות עמך** באחרית הימים), והעצה הזאת הלא ידענו אותה ואת טבעה, היינו שיתערבו ויתחתנו בבנות מואב ומדין — אבל לאשרנו הפך ה' את עצתו הרעה לטובה, כי על ידי זה נתעורר פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן ויקנא לאלהיו ויבער את הרע מקרב עמו, וכל העם שמעו ויראו ולא נועזו עוד והכנים את המפלצת הידועה בשם „התבוללות“ אל מחנה ישראל.

וזהו כוונת מתקן התפילה הנ"ל במאמרו „חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא“ (היינו חלום מאהבינו הרוצים לתקן את עולמנו ע"י נשואי תערובות, והיא התקנה היותר מסוכנה ליהודים וליהדות), ולכן סיים: וכשם שהפכת את קללת בלעם הרשע מקללה לברכה כן תהפך את כל חלומותי עלי ועל כל ישראל לטובה, ותשמרני (מרפואות ממין הזה שהם יותר מסוכנים מן המכות עצמן) ותחנני ותרצני (כלומר, אלא שאתה הכל־יכול תתן את חן ישראל בעיני העמים שיפיקו מהם רצון דוקא משום שנשארו נאמנים לאלהיהם ותורתו) — כמו שאנו רואים באמת באחרית הימים שיש מחכמי העמים שמעריצים את עם ישראל אך ורק מפני שהיה גבור כארי להגן על קדשיו נגד כל העולם ולהשאר „עם לבדד“, כלומר העם היחידי שדמו נקי וטהור משום תערובת.

כל נדרי

עס איז ניטאָ אַ תפילה אין סידור אָדער אין מחזור וואָס וואַרפט אַזאַ מורא און ציהט אַרויף אַזאַ טרויער אויף יעדען אידען ווי די תפילה פון כל נדרי! — ווען מען נעמט אַרויס די ספרים פון ארון קודש און דער חזן פאַנגט אָן צו זאָגען כל נדרי מיט'ן ידוע'דיגען סקאַרבאָווען נגון, פאַלט אָן אַן אימה אויף יעדען אידען וואָס האָט נאָך אַ פונק אידישקייט. — און אַ וואונדערליכע זאַך, אַז איהר וועט באַטראַכטען די באַדייטונג פון דער תפילה, וועט איהר ניט קענען געפינען קיין אורזאַכע צו וויינען אויף איהר — דער כל נדרי איז פשוט אַ נוסח (אַ פאָרמע) פון התרת נדרים; מיר בעטען גאָט ער זאָל אונז מוחל זיין אויף די שבועות און נדרים וואָס מיר האָבען אויף זיך גענומען אין דעם פאַרלויף פון יאָהר און וועלכע מיר האָבען ניט מקיים געווען. — וואָס קאָן מען געפינען דאַרויף אַזוי פיל צו וויינען?

נאָך אַ זאַך, איהר וועט געפינען אַז גלייך נאָך די תפילת כל נדרי האָבען די חכמים אַוועקגעשטעלט דעם פסוק: **ונסלח לכל עדת בני ישראל ולגר הגר בתוכם כי לכל העם בשגגה**. — פרעגט זיך די פראַגע, ווי קאָן מען

דאָס זאָגען אויף נדרים און שבועות וואָס דער מענש האָט אויף זיך זעלבסט גענומען מיט זיין גוטען ווילען, אז דאָס איז געווען „בשגגה", ד. ה. אומ־גערן? אדרבא, עס איז ניטאָ אַ זאַך וואָס אַ מענש נעמט אויף זיך אַזוי פרייוויליג ווי שבועות און נדרים! ווער האָט אונז גענייט צו נעמען אויף זיך נדרים?

הונדערטע יאָהרען האָט קיינער ניט געקענט ערקלעהרען דיזע גע־היימניס, ביז עס איז געקומען אַ גרויסער אידישער קאָמפּאָזיטאָר פון מוזיק און האָט ערקלערט פאַר דער וועלט, אַז ער האָט ענטדעקט אין דעם נגון פון כל נדרי אַ גאַנצע דראַמע אָהן ווערטער. — אין דעם אָנפאַנג פון כל נדרי נגון וועט איהר הערען אַ קול פון געבעט, אַזוי ווי איינער בעט זיך ביי מערדער זיי זאָלען איהם שיינקען דאָס לעבען! — דער אויסגעשריי ביי די ווערטער: דאָינדרנא ודאישתבענא דערמאָנט אונז אָן אן אויסגעשריי פון אַ פאַרצווייפעלטען; ווייזט אויס אַז דער אומגליקליכער האָט ניט גע־פועלט ביי די מערדער זיי זאָלען איהם שיינקען דאָס לעבען, און דאַן האָט ער אויסגעשריען מיט אַ וואוטה פון אַ פאַרצווייפעלטען, אַז גאָט וועט זיך נוקם זיין אָן זיי פאַר זיין בלוט! — דער לעצטער געשריי צו מיום כפורים זה איז דער געשריי פון דעם אומגליקליכען ביי יציאת נשמה, ווען ער האָט געקראָגען דעם טויט־קלאַפּ פון זיינע מערדער!

עס איז יעצט די מיינונג פון גרויסע געלעהרטע, אַז דער ניגון פון כל נדרי איז פאַרפאַסט געוואָרען אין די צייטען פון די אנוסים אין שפּאַניען; ווען די באַהאַלטענע אידען פלעגען זיך צוזאַמענקומען ערגעץ אין אַ הייל אונטער דער ערד אָדער אין אַ טיפען וואַלד מתפלל צו זיין די תפילות פון יום כפור — און גאַנץ אָפט האָט עס פאַסירט אַז אין מיטען די תפילות האָבען די שלוחים פון דער אינקוויזיציע אויסגעפונען זייער באַהעלטעניש און זיי באַפאַלען ווי בלוט־דורשטיגע חיות מיט פייער און שווערד — דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ הארצרייסענדע סצענע; די אומגליקליכע בעטען פאַר זייער לעבען; די מערדער זיינען הארט ווי אַ שטיין! אַם ענדע הויבען די אומשולדיגע קרבנות אויס זייער נשמה מיט ה' אחד!

אָט דיזע טראַגישע געשיכטע, וועלכע האָט גאַנץ אָפט געטראָפען אין יענע צייטען, האָבען דאָס די שפּאַנישע אידען געוואָלט פאַרצייכענען אויף אייביג, אָבער מורא האָבענדיג דאָס אויסצושרייבען אין ווערטער, האָבען זיי דאָס אויסגעדריקט אין די טרויעריגע טענער פון אַ ריהרענדיגען נגון.

II

אָבער ניט אַלע האָבען געקענט ביישטעהן אַזאַ נסיון — פיעלע האָבען ניט געקענט אַריבערטראָגען צו זעהען ווי זייערע פרויען און קינדער ווערען געשלאַכטעט פאַר זייערע אויגען, און אויס גרויס פאַרצווייפלונג האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט פון זייער גאָט, און פאַר דער שיין פון דער וועלט האָבען זיי זיך געקניט צום צלם. — אָבער די קאַטוילישע קירכע האָט זיי שוין ניט גע־טרויט ווי בעפאָר. די אינקוויזיציע האָט דאַריבער פאַרפאַסט אַ שרעקליכע שבועה וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויר איהר איבערצוזאָגען. אין דיזער שבועה האָט דער אומגליקליכער פאַרשפּראָכען מיט אַלערליי שבועות, קללות

און חרמות אז ער זאגט זיך אָב פון זיין גאָט און פארשפרעכט צו בלייבען א טרייער דינער צו דער קאטוילישער קירכע. — יעדער פון די אנוסים האָט דיזע שבועה געמוזט נאכזאָגען מיט א הויכע שטימע בעפאָר מען האָט איהם געשאנקען דאָס לעבען.

דעם ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דאָס אידישע פאָלק האָבען טויזענדער פון ישראל׳ס קינדער אָבגעשוואָרען זייער גאָט עפענטליך, אָבער זיי האָבען איהם נישט ארויסגעשטויסען פון זייער הארצען; אין הארצען זיינען זיי געבליבען נאָך הייסערע אידען ווי בעפאָר. און דעם נעקסטען יאָהר זיינען זיי זיך ווידער צוזאמענגעקומען ערגעץ אין א פארוואָרפענעם ווינקעל און ווידער געפראַוועט די תפילות פון יום כפור.

אין יענע צייטען איז דאָס געווען וואָס דער כל נדרי האָט אָנגענומען זיין וויכטיגקייט און זיין פייערליכען כאראַקטער. ביז דאַן איז דער כל נדרי געווען א פשוט׳ע פאָרמע פון התרת נדרים; אָבער דאמאָלסט, ווען די אומ־גליקליכע האָבען זיך דערמאָנט אז זיי זיינען ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון, אז זיי האָבען עפענטליך אָפּגעשוואָרען זייער גאָט, האָט זיי יעדער וואָרט פון כל נדרי געשטאָכען ווי א שפיז אין הארצען; ווען זיי האָבען געזאָגט כל נדרי ואסרי ושבועי וחרמי וקינומי וקינוסי וכנויי, האָבען זיי געטראַכט וועגען יענע שרעקליכע שבועה, וואָס זיי האָבען גענומען צו די קאטוילישע קירכע. און ווען זיי האָבען אויסגעשריען, **נדרנא לא נדרי ואסרנא לא אסרי ושבועתנא לא שבועות**, האָבען זיי געבעטען מיט א קול פון פאר־צווייפלונג, אז גאָט זאָל זיי מוחל זיין די פאַלשע שבועה.

אָט דאָס איז די אורזאַך וואָס כל נדרי ווארפט אזא אימה און אזא טרויער אויף דאָס אידישע פאָלק, ווייל ביידע זאכען, סיי די ווערטער און סיי דער נגון פון כל נדרי דערצעהלען אונז א שרעקליכע טראַגעדיע פון די שרעק־ליכסטע צייט פון אונזער היסטאָריע.

יעצט קאָנען מיר שוין פארשטעהן וואָרום זיי האָבען צוגעשטעלט דעם פסוק ונסלח וכו׳ כי לכל העם בשגגה, גלייך נאָך כל נדרי. — ווייל אויף יענע סאָרט נדרים און שבועות אויף וועלכע זיי האָבען דאַן געבעטען מחילה, האָט מען געקענט מיט די ריינסטע ווארהייט זאָגען **כי לכל העם בשגגה!** קיין גרעסערע נויט ווי יענער, אין וועלכע אידען האָבען זיך דאַן געפונען, קאָן מען אין דער וועלט ניט געפינען!

III

הונדערטער יאָהרען זיינען אוועק זייט יענע שרעקליכע צייטען און מיר האָבען שוין געדאַנקט גאָט אז עס איז שוין היינט ניטאָ קיין איינציגער פינסטערער ווינקעל אויף דער וועלט, וואו א איד זאָל מוזען עפענטליך אָב־שווערען זיין גאָט. — פּלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבען א שווארצער וואָלקען פון מזרח זייט און האָט באַדעקט מיליאָנען פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד. ווידער זיינען ישראל׳ס קינדער געצוואונגען אָבצושווערען זייער גאָט! דיזעס מאָל ניט אונטערען האַק פון א הענקער, אָדער אונטער די פאַלטער־געצייג פון אן אינקוויזיציע, נאָר אונטער א דעספּאָטיע, וועלכע טראָגט אויף׳ן פנים די מאַסקע פון פרייהייט און גלייכהייט. — ווידער מוזען אידישע מלמדים

לערנען תורה צו זייערע תלמידים אין פינסטערע קעלערען; ווידער ווערען אידישע ספרים געברענט אויפ'ן שייטער־הויפען; ווידער ווערען אידישע שוהלען פארשוועכט. דיזעס מאל ווערען זיי ניט פארוואנדעלט אין קאטוי־לישע קירכען, נאר אין ארבייטער קלאבס, אבער דער רעזולטאט איז דער זעלבער; ווידער ווערען אידישע גדולים און צדיקים געשמידט אין קייטען און געווארפען אין קערקערס פאר בלייבען טריי זייער גאט; ווידער מוזען זיך אידישע יונגע לייט אבזאגען עפענטליך פון זייער גאט און שווערען טרייהייט צו אנאנדער ע"ז וואס הייסט אטהעאיזמום; דיזעס מאל אונטער דעם דרוק פון הונגער און נויט! — פאר זיי האט דער כל נדרי נאך היינט פונקט די זעלבע באדייטונג ווי אין די צייטען פון דער אינקוויזיציע; זיי מעגען נאך היינט זאגען כי לכל העם בשגגה! זיי זיינען די אנוסים פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט!

IV

אין פארגלייך מיט די אמאליגע אנוסים פון פופצעהנטען יאהרהונדערט און די היינטיגע אנוסים פון רוסלאנד, וואס פאר א בילד שטעלט פאר די אידישע געמיינדע פון אמעריקא? — ליכטיג פון איין זייט און פינסטער פון דער אנדערער זייט!

ליבע ברידער! עס איז ניט דער אידישער נאטור צו פארדעקען די אייגענע חטאים, אזוי ווי מיר וועלען באלד זאגען: שאין אנחנו עזי פנים וקשי עורף לומר לפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו צדיקים אנחנו ולא חטאנו. — מיר אין אמעריקא לעבען אין א לאנד פון פאלקאמענע רעליגיאנס פריי־הייט; קיינער ווערט ניט געניייט צו היטען זיין רעליגיאן אדער צו ברעכען זיין רעליגיאן. — ביי אנאנדער פאלק, אז איהר זעהט א מאן שטעהט אין זיין געבעט־הויז און וויינט אויף זיינע חטאים, זייט איהר זיכער אז ער מיינט זיי ווייטער ניט צו טאן, ווייל אויב ער איז באשלאסען ווייטער צו טאן דאס זעלבע, איז דאך א סימן אז ער איז צופרידען מיט זיינע חטאים, טא וואס זשע וויינט ער? — ביי אונז זעהען מיר די וואונדערבארע און אומנאטירליכע ערשיינונג ווי טויזענדער פון אונזערע ברידער שטעהען און וויינען אויף א געוויסען חטא (חילול שבת) און בעת מעשה ווייסען זיי אז באלד נאך יום כפור וועלען זיי ווייטער באגעהן דעם זעלבען חטא! — איך ווייס אז פיעלע פון אייך זיינען נעבאך געצוואונגען דערצו, ניט ביי די הענט פון הענקער און באנדיטען, נאר ביי אומשטענדען. עס טרעפט גאנץ אפט, אז א מענש טוט א זאך אוים נויט, הגם די וועלט באמערקט עס ניט. — איך קען אידען, וועלכע אין דער צייט וואס זיי זיצען שבת ביי דער ארבעט, פאלען הייסע טרערען פון זייערע אויגען אויף די קלאטה וואס זיי האלטען אין האנד. — עס זיינען פאראן אנדערע פון אונזערע ברידער אין אמעריקא וואס זיינען פארווארפען צווישען גוים און זיינען געצוואונגען צו עסען טרפות, ווי דער נביא האט געזאגט: ככה יאכלו בני ישראל את לחמם טמא בגוים. אויף אזעלכע פון אונזערע ברידער האבען דאס פיליכט די מתקני התפילות פארפאסט דעם על חטא שחטאנו לפניך בזדון ובשגגה. דאס זיינען אזעלכע חטאים, וואס אויבערפלעכליך זעהט עס אוים אז זיי ווערען בא־

גאנגען בזדון, אָבער גאָט ווייס דעם אמת אז זיי וועלען געטאָן געצוואונגענער־הייט, און ווען עס קומט צום יום הדין, איז ער נוטה כלפי חסד און נעמט דאָס אריין אין דעם כלל פון בשגגה.

אָבער איין זאַך איז זיכער, אז מיר אידען אין אַמעריקא קענען ניט זאָגען „כי לכל העם בשגגה!" — מיר דאַרפען ניט זיין גענאַרט אין זיך און ניט פּרובירען נאַרען איינער דעם אַנדערען; ניט אַלע, וועלכע זיינען מחלל שבת אין אַמעריקא, זיינען געצוואונגען דערצו; די גרעסטע צאָל פון מחללי שבת פיהלען גאָרניט אז זיי באַגעהען א זינד. זיי האָבען איינפאַך פאַרגעסען אָן די היילינקייט פון שבת. שבת איז בא זיי אַלץ איינס ווי מיטוואָך. איך קען פיעלע פון אונזערע אחינו בני ישראל וואָס זייער ביזנעס פאָדערט ניט זיי זאָלען מחלל שבת זיין און זיי טוען גאָר קיין ביזנעס ניט אום שבת, נאָר זיי פאַרברייגען דעם שבת אויף פאָלגענדען אופן: פרייטאַג־צו־נאַכט נאָכ'ן עסען (פון א גוטען שבת'דיגען מאָלצייט האַלטען זיי) קומען זיי זיך צוזאַמען אין דער הויז פון איינעם פון זייער קאָמפּאַני און שפּילען פּינאָקעל ביז עס הויבט אָן צו טאָגען. בעפאָר דעם אוועקגעהן מאַכען זיי אָפּ אויף מאָרגען פריה ארויסצופאָרען (ביי מאַשין אָדער ביי טריין) צו א נאָהענטען אונטער־האַלטונגס־פּלאַץ. דאָרטען טוט מען אָפּ אַלע ל"ט מלאכות (אבות און תולדות) בהעלם אחת, און באַנאַכט פאָרט מען אויסגעמאַטערטע אהיים. — זיינען דאָס די אייניקלאַך פון די אַמאָליגע אנוסים, וואָס האָבען זיך מוסר נפש געווען על ערקתא דמסאנא?

פיעלע פון דיזען קלאַס שטעהען דאָ היינט אין די שוהלען; פאַר'ן יום כפור האָבען זיי זיך הפנים אביסעל דערשראָקען, און זיי זיינען געקומען זיך קלאַפּען אין הארצען „על חטא". אָבער איהר וועט אַלע מודה זיין אז זיי קאָנען ניט זאָגען כי לכל העם בשגגה! — איינער פון די על חטא'ס לייענט זיך: „על חטא שחטאנו לפניך בווידוי פה". — דיזער על חטא פּאַסט זיך זייער אויף דיזען סאָרט אידען; זייער ווידוי איז נישט מער ווי א ווידוי פה; זי קומט ניט פון הארצען, נאָר פון די ליפּען, ווייל אין דער צייט וואָס זיי שטעהען דאָ אין שוהל, האָבען זיי שוין אָפּגעמאַכט וואו צו שפּילען פּינאָקעל און וואו צו פאַרברייגען דעם נעקסטען שבת!

V

דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגען וועגען דער שפּאַלטונג וואָס איז געקומען אין דיזען לאַנד צווישען עלטערען און קינדער. — איך האָב ניט לאַנג צוריק געלעזען אין א בוך וועגען די באַוואוסטע ערדציטערניש, וואָס האָט אַמאָל געמאַכט א שרעקליכען חורבן אין ליסאַבאָן, די הויפּט־שטאָט פון פּאָרטוגאַל. דער שרייבער דערצעהלט אז אין דער צייט פון דער שרעקליכער מהומה זיינען הונדערטער עלטערען אָבגעריסען געוואָרען פון זייערע קינדער; די קינדער האָבען זיך אומגעוואָרפען פון איין האַנד אין דער אַנדערער, ביז פיעלע פון זיי זיינען פאַרבליבען אין שפּאַניען, און אזוי ווי צווישען שפּאַניען און פּאָרטוגאַל זיינען געווען שטענדיגע מלחמות אין יענע צייטען, איז נאָכ־דעם אויסגעקומען ווען זיי האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט און אריינגעטראָטען אין דער ארמיי, אז קינדער האָבען געקעמפּט געגען זייערע אייגענע פאָטערס!

מיינע פריינדע! פונקט אַזאַ צושטאַנד הערשט יעצט אין אונזער פאָלק; די לענדער וואו אידען האָבען געוואוינט הונדערטע יאָהרען האָבען די לעצטע צייט אָנגעפאַנגען צו ציטערען אונטער זייערע פיס. אַ גרויסע איבער־קערעניש איז געקומען אין אידישען לעבען אין די אייראָפּעאישע לענדער, צוליב וועלכע הונדערטער טויזענדער אידישע פאַמיליען האָבען אויסגעוואַנדערט אין נייע לענדער, הויפּטזעכליך אין אַמעריקאַ. זיי זיינען געקומען אין זייער נייע היים אָן אַ שפּראַך און טויזענדער פון זיי אָהן אַ פּראָפעסיאָן, און נאַטירליך האָבען זיי געמוזט דורכמאַכען אַ ביטערען קאַמף בעפאָר זיי האָבען זיך איינגעוואָרצעלט אין דיזען לאַנד. זיי האָבען דעם קאַמף געוואונען; די לאַגע פון די אידישע איינגעוואַנדערטע אין דיזען לאַנד איז פיליכט גינסטיגער ווי די לאַגע פון איינגעוואַנדערטע פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען. אָבער זיי האָבען טייער באַצאָלט פאַר דיזען זיג. — זיי האָבען פאַרלאָרען זייערע קינדער אין דעם גערויש פון קאַמף!

ליבע פריינד! איינע פון די חטאים וואָס מיר וועלען באַלד אויסרעכענען אין דעם צעטעל פון די „על חטא׳ס" איז: „על חטא שחטאנו לפניך בזלזול הורים ומורים" — ד. ה. באַהאַנדלען עלטערען ביליג, און אָהן רעספּעקט. — דיזער על חטא רירט אָן די שמערצליכסטע מכה אין דעם קערפּער פון אונזער פאָלק. — אַ ים מיט ביטערע טרערען ווערט פאַרגאָסען היינטיגען אָבענד אויף דיזען „על חטא" פון אידישע טאַטע־מאַמע, וועלכע פאַרשטעהען דעם פּירוש פון דיזע ווערטער. ווער וואָלט דאָס אונז געזאָגט מיט יאָהרען צוריק אַז אונזער יענקיל וועט זיין אַזוי ווייט פון אידישקייט און אַזוי פרעמד צו זיינע עלטערען! יענקעלע, וועלכען מיר האָבען געוואויגט און געמאָסטען; וואָס מיר האָבען זיך געזשאַלעוועט דעם ביסען פון מויל און איהם געמאַכט אַ נייעם בגד׳ל אויף יום טוב; אליין געגעסען טרוקענע ברויט און איהם געגעבען אַ בעסערען דינער, — ער געהט דאָך נעבאך אין סקוהל! — איז דאָס אונזער געצאָלט? און דערביי שטעהט יענקיל אליין און זיין פּנים איז אויך פאַרצויגען מיט אַ וואָלקען; ער פאַרשטעהט וואָס עס קומט יעצט פאָר אין די הערצער פון זיין טאַטע־מאַמען; ער ווייס אַז זיי גיסען יעצט אויס זייער הארץ פאַר גאָט, און ער פיהלט אַז זיי האָבען אויף וואָס צו וויינען; עס איז זיי נעבאך שלעכט, זיי זיינען דיסאַפּאָינטעד אין איהם; אָבער ער פיהלט אַז ער קאָן גאָרנישט העלפען דערצו; ער טרייעט זיין בעסט זיי צו געבען אַלעס וואָס זיי דאַרפען, אָבער זיי זיינען ניט צופרידען. ער און זיי לעבען אין צוויי באַזונדערע וועלטען — אָט איז ער דוכט זיך גע־קומען מיט זיי צוזאַמען אין שוהל און ער שטעהט זייט ביי זייט מיט זיין פאָטער, אָבער אין אמת׳ען איז ער אַ פרעמדער אין דיזען פּלאַץ. ער קוקט אפילו אריין אין אַן אויפגעמישטען מחזור, אָבער די ווערטער פאַרשטעהט ער ניט; דער סקאַרבאָווער נגון פון חזן האָט אויף איהם קיין שום ווירקונג ניט; ווען דער חזן וויינט, קוקט ער איהם אָן מיט גרויס פאַרוואונדערונג, אַ גרויסער מענש זאָל וויינען ווי אַ קליין קינד! ווען דער חזן פאַלט כורעים זעהט דאָס אויס בּאַ איהם ווי אַ קאָמעדיע; די גאַנצע סצענע זעהט בּאַ איהם אויס ווילד פאַנטאַסטיש, ווי אַ סצענע פון טויזענד און איין נאַכט. פיליכט אויף איהם און די טויזענדע אַנדערע ווי ער האָט דאָס דער מתקן התפילות פאַרפאַסט דעם „על חטא שחטאנו לפניך בתמהון לבב" (די זינד פון ער־

שטוינונג), ווייל ער קוקט אויף די גאנצע עבודה פון די הייליגע טעג מיט גרויס ערשטוינונג.

קוקענדיג אויף דיזע אמעריקאנער יונגע לייט, פארשטעהען מיר די באדייטונג פון ולגר הגר בתוכם. דאס געהט ניט אויף גוים וואס האבען זיך מגייר געווען (ווייל מיר געפינען ניט אין ערגעץ קיין תפילות וואס זיינען פארפאסט געווארען ספעציעל פאר גרים). — דער „ולגר הגר בתוכם" געהט אויף אונזערע אייגענע קינדער, הגר בתוכם, וועלכער וואוינט צווישען אידען און פונדעסטוועגען זיינען זיי אזוי ווי גרים צווישען אונז, ווען זיי קומען איינמאל א יאהר אין א שוהל אריין.

ווער איז שולדיג אין דיזער סיטואציע? — מענשען וועלכע האבען וויניג געקלעהרט וועגען דיזער טראגעדיע ווארפען די שולד ענטוועדער אויף די קינדער אדער אויף די עלטערען. זיי זאגען: ממה נפשך, אדער די טאטעס האבען זיי ניט געגעבען קיין אידישע ערציהונג, אדער די קינדער זיינען געווען „לויפערס" און האבען ניט געוואלט לערנען. — אין אנדערע ווערטער, ענטוועדער זיי באשולדיגען די עדת בני ישראל, דאס הייסט דעם עלטערען דור, די טאטעס. אדער פארקערט, זיי באשולדיגען דעם הגר הגר בתוכם, דאס הייסט די קינדער וואס זיינען געבליבען ווי גרים צווישען אונז. — זאגט דער פסוק, אז אין אמת'ן ונסלח לכל עדת בני ישראל, ולגר הגר בתוכם, דאס הייסט, אין אמת'ן מוז מען ביידען ענטשולדיגען, כי לכל העם בשגגה, ווייל ביידע, סיי די עלטערען און סיי די קינדער זיינען געווען געצוואונגען דורך אומנאטירליכע אומשטענדען צו פארנאכלעסיגען די אידישע למודים. טויזענדע אידישע טאטעס פון די ערשטע איינגעוואנדערטע האבען געמוזט שיקען זייערע קליינע קינדער העלפען מאכען א לעבען צו רעטען די גאנצע פאמיליע פון הונגער. — טויזענדע אנדערע עלטערען האבען געוואלט און געקענט שיקען זייערע קינדער אין א חדר, נאר זיי זיינען געווען פארווארפען ערגעץ אין א גויאישען געגענד, וואו קיין אידישער מלמד איז ניט געווען צו קריגען. טויזענדע אידישע קינדער וועלכע קומען פון לענדער וואו מען האט פאר זיי פארמאכט די סקוהלס און קאלעדזשעס, האבען זיך אין אמעריקא צוגעכאפט צו וועלטליכע בילדונג ווי א דורשטיגער צו וואסער און צוליב דעם האבען זיי פארנאכלעסיגט די אידישע למודים. אט דיזע אלע אומשטענדען האבען דאס געבראכט דערצו אז קינדער זיינען אבגעריסען געווארען פון זייערע עלטערען אין א גייסטיגען זינען פון ווארט, און דאריבער קענען זיי מיט רעכט זאגען כי לכל העם בשגגה!

VI

אבער דיזע אלע אומשטענדען, מיינע פריינדע, האבען געהערשט נאר פאר די ערשטע איינגעוואנדערטע אין דיזען לאנד; דער ערשטער דור אידען אין אמעריקא (אדער ווי אנדערע רופען זיי, דער דור המדבר), האט געקענט זאגען די אלע תירוצים און באווייזען אז דאס רוב פעהלערען וואס זיי זיינען באגאנגען זיינען געווען בשגגה, אוים נויטה. אבער די אומשטענדען פון די ערשטע איינוואנדערער זיינען ביסלאכווייז פארשוואונדען; די מלחמת התיים פאר דאס שטיקעל ברויט איז שוין ניט אזוי שארף; די אידישע בא-

פעלקערונג איז שוין גאנץ פעסט איינגעווארצעלט אין דיזען לאנד. די מיטלען פון געבען קינדער אַ אידישע ערציהונג זיינען יעצט גאנץ לייכט אין יעדער שטאָט און שטעטעל פון אמעריקא. אויב דער איצטיגער דור וועט ניט מאכען אן אָנשטרענגונג צו פארשטארקען דעם אידענטהום און צו זארגען אַז די תורה זאָל ניט פארגעסען ווערען פון אונז, וועלען מיר שוין ניט קענען זאגען כי לכל העם בשגגה!*) — אלזא, מיינע פריינדע, חזקו ונתחזקה בעד אמונתנו ותורתנו; גאזור שארית כחנו להלחם נגד כל המכשולים הגודרים את דרכנו לפנינו; החלש יאמר גבור אני לבנות את סוכת היהדות הנופלת; לא עלינו המלאכה לגמור אבל אין אנו בני חורין להבטל ממנה, וה׳ הטוב הרוצה בתשובת בניו ואינו חפץ במיתתם, יתן לנו שנת חיים ושלום ופרנסה טובה, שנת סליחה ומחילה לנו לכל ישראל, אמן.

דרוש ליום כפור

הכזה יהיה צום אבחרהו, יום ענות אדם נפשו, הלכוף כאגמון ראשו, ושק ואפר יציע, הלזה תקרא צום ויום רצון לה׳: הלא זה צום אבחרהו, פתח חרצובות רשע, התר אגודת מוטה ושלח רצוצים חפשי, וכל מוטה תנתקו: הלא פרוס לרעב לחמך, ועניים מרודים תביא בית, כי תראה ערום וכסיתו ומבשרך לא תתעלם: אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמח, והלך לפניך צדקך וכבוד ה׳ יאספך.

ובנו ממך חרבות עולם, מוסדי דור ודור תקומם, וקורא לך גודר פרץ, משובב נתיבות לשבת (ישעיה נ״ח ה—ח, י״ב).

איהר וועט באמערקען, מיינע ליבע צוהערער, דאָס וועהרענד די אידעע וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין דיזע ערהאבענע פאעטישע ווערטער פון אונזער נביא ישעיה, איז וואונדערבאר, איז אָבער די שפראך אין וועלכע דאָס ווערט ארויסגעזאגט זייער צוויפעלהאפט, און פיליכט שעדליך פאר׳ן המון עם; ווייל אויב אלעם וואָס גאָט פארלאנגט איז עהרליכקייט און גוטהערציגקייט, איז דאָך דאָס גאנצע פאסטען אַן איבריגע זאך, און אויב אַ געוויסער איד פיהלט באַ זיך אַז ער איז עהרליך אין זיין ביזנעס און אַז ער האָט אין פארלויף פון יאָהר געגעבען צדקה נאָך זיין פארמעגען נאָך, מעג ער שוין געהן אהיים און אנבייסען! און דער אמת איז, אַז געוויסע עלעמענ־

---

*) חנה אמרה: מוריד שאול ויעל; — איוב אמר: ירד שאול לא יעל — ולא פליגי; וביאור הדברים הוא כך: „מוריד שאול״, ר״ל אם ישנם סיבות שונות שמורידים את האדם לשאול, מן הדין הוא שיעל — אבל „ירד שאול״, ר״ל אם האדם ירד שאול ברצונו ולא היה אנוס לכך כלל, לא יעל.

כען פון דעם נייעם דור אין אמעריקא באנוצען זיך טאקי מיט דיזע ווערטער צו באווייזען (ווי זיי באהויפטען) אז מען קאן זיין א גאנץ גוטער איד ניט פאסטענדיג יום כפור!

אבער די וואס טייטשען אזוי אוים די ווערטער פון נביא, האבען א גרויסען טעות. — וואס דער נביא מיינט אין אמת'ען מיט דיזע ווערטער איז צו ציהען אונזער אויפמערקזאמקייט צו דעם פאקט אז דער פאסט־טאג איז געמיינט געווארען אונז צו לערנען געוויסע לעסאנס אין זעלבסט־קענטניס און אין וואהלטאט און גוטהערציגקייט, און דאס אויב אימיצער פון אונז פאסט אום יום כפור נאר ער באמערקט ניט וואס דער תענית מיינט איהם צו לערנען, האט ער נעבאך אומזיסט געהונגערט און געמוטשעט זיין קערפער.

I

די ערשטע זאך קומט דער תענית צו עפענען דעם מענשען די אויגען ער זאל זעהען זיין אייגענע שוואכקייט און אומבאהאלפענקייט.

גאנץ אפט הערט איהר זאגענדיג: דיזער אדער יענער מאן איז א שטאר־קער מענש; אמאל מיינט מען דאמיט צו זאגען אז ער איז פשוט שטארק אין קערפער, ער קאן טראגען גרויסע משאות אדער ער קען בייקומען זיינע געגנער אין ראנגלען זיך, אדער אין פעכטען. און אמאל מיינט מען דאס פינאנציעלע שטארקייט; ד. ה. ער באזיצט גרוים רייכטהום און זיין געלט איז איינוועסטעט אין גוטע סעקיוריטים אדער אין ריעל עסטייט, זא דאס ער האט שוין פאר קיינעם קיין מורא ניט (אזוי געהט דער מענשליכער געד־שפרעך) — און אמאל מיינט מען דאס שטארקייט פון כאראקטער, דאס הייסט, אז ווען ער אונטערנעמט עטוואס, זייט איהר זיכער אז ער וועט זיך ניט אבשרעקען פאר קיין זאך און ער וועט אויספירען דאס זייניגע. אין דער מיינונג פון דער וועלט זיינען דיזע שטארקע לייטע די ריזען פון די מענשליכע געזעלשאפט, די זיילען פון דער וועלט; זיי ערשיינען אין אונזערע אויגען אלס געטער אויף דער ערד, און טויזענדער פון זייערע מיטמענשען זיינען גרייט צו קניען צו זיי און זיי אנבעטען. — וואס וואלט ניט יעדער פון די מיליאנען קליינע מענשעלאך געטאן כדי אריינצוקומען אין דעם קלאס פון דיזע גרויסע מענשען פון דער וועלט! מען זעהט גאנץ אפט אז מענשען פארקויפען זייער נשמה צום טייוועל פאר דיזער גרויסער פריווילעגיע!

אבער אין אמת'ען איז זייער גרויסקייט נאר א פארבלענדעניש! עס גיט נאר איין שטארקער ועזען אויף דער וועלט, און דאס איז דער אלמעכ־טיגער גאט! — די שטארקסטע לייט פון אונזער אייגענעם מין זיינען נישט מעהר ווי פליגען, וועלכע הוזען אין דער לופט מיט א שטארקערען באזז ווי די איבעריגע פליגען...

כדי אונז קלאר צו באווייזען די שוואכקייט פון מענשען, האט גאט פאראָרדענט פאר אונז דיזען פאסט־טאג, ווייל עס גיט נישט קיין בעסערער מיטעל מיט וועלכען צו באווייזען דעם מענשען זיין שוואכקייט, ווי דער מיטעל אוועקצונעמען פון איהם שפייז אויף א געוויסע צייט. באטראכט נאר דעם מענשען, וועלכען איהר האט פריער באוואונדערט אלס גיבור אין פיזיק אדער אין כאראקטער, ווי ער געפינט זיך יום כפור נאך האלבען טאג;

מען קאָן איהם פאַרגלייכען צו שמשון נאָכדעם ווי מען האָט איהם אָבגעשאָרען די האָר; זיין כח איז פאַרשוואונדען; זיין געדאַנקען איז פאַרנומען מיט בלויז איין זאַך — ש פּ י י ז; באַטראַכט נאָר ווי ער פּאָרעט זיך נאָכאַנאַנד מיט זיין וועסט־פּאַקעט, דאָס נעמט ער אַלע מינוט אַרויס זיין זייגער צו זעהן ווי לאַנג ער דאַרף נאָך פאַסטען... און פאַרגעסט נישט אַז דער תענית האַלט אָן נאָר איין איינציגען טאָג; אַז מען זאָל פון איהם צונעמען זיין שפּייז צוויי טאָג נאָכאַנאַנד, וועט ער צוזאַמענברעכען אין גאַנצען! — דאַרף מען האָבען אַ שטאַרקערען באַווייז אויף די שוואַכקייט און אומבאַהאָלפענקייט פון מענשען, מעג ער אַפילו זיין דער שטאַרקסטער פון אונז? — אין דיזען הינזיכט איז דער מענש שוואַכער אַפילו פון אַ מאַשין וואָס זיינע אייגענע הענד האָבען באַשאַפען; ווען מען נעמט אַוועק די סטים אָדער די עלעקטרי־ציטעט פון אַ מאַשין שטעלען זיך אָב זיינע רעדער, אָבער די מאַשין זעלבסט איז ניט געוואָרען באַשעדיגט דערפון; צו יעדער צייט וואָס מען וועט איהם ווידער געבען סטים אָדער עלעקטריציטעט זיינען זיינע רעדער גרייט זיך ווידער צו דרעהען מיט די זעלבע שנעלקייט, אַפילו אויב די מאַשין איז גע־שטאַנען שטיל אַ לאַנגע צייט. די מענשליכע מאַשין איז פיל שוואַכער ווי דיזע; אויב מען גיט איהם ניט זיינע נויטיגע שפּייז איניגע טעג איז זיין קערפּער טויט אויף אייביג, און איהר קענט איהם שוין מעהר ניט לעבעדיג מאַכען אַפילו מיט די בעסטע שפּייז!

דאָס איז די ערשטע אויפגאַבע פון דעם פאַסט־טאָג; צו באַווייזען דעם מענשען זיין שוואַכקייט, און איהם צו באַוועגען אויפצוהויבען זיינע אויגען צו גאָט אַלס דער מקור פון שטאַרקייט. דער תענית זאָגט צום אידען: ווייסטו ווער איז דער אמת'ער גיבור? דער וואָס האָט אַ שטאַרקע אמונה אין גאָט! אונזער פאָלק האָט ארויסגעגעבען פילע אַזעלכע גיבורים; איינער פון זיי איז געווען אמנון דער פאַרפאַסער פון ונתנה תוקף, וועלכער האָט באַוויזען די גרעסטע גבורה ווען ער האָט געאָפּפערט זיין לעבען אונטער שרעקליכע אומ־שטענדען אויף קדוש השם!

II

אַ צווייטער ציעל פון תענית איז צו עפענען אונזערע אויגען צו זעהען דעם אונטערשייד צווישען „הכרחיות", די זאַכען וועלכע זיינען באמת נויטיג אויפצוהאַלטען דעם מענשענ'ס לעבען, און „מותרות", דאָס הייסט לוקסוס זאַכען וואָס מיר קענען גאַנץ לייכט זיך באַגעהן אָהן זיי. — איך האָב ניט לאַנג צוריק געלייענט אין די צייטונגען אַז אַ געוויסער ביזנעס־מאַן איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, ווייל ער האָט פאַרלאָרען דעם גרעסטען טייל פון זיין פאַרמעגען אין דעם לעצטען קראַך פון וואָל־סטריט; ער האָט איבער־געלאָזען אַ צעטעל, וועלכער לייענט זיך אומגעפער אַזוי: „זעהענדיג אַז מיין פאַמיליע איז רואינירט, און אַז אַלעס וואָס איז מיר איבערגעבליבען קאָן ברייגען נישט מעהר ווי פינף טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר, האָב איך באַשלאָסען זיך צו נעמען דאָס לעבען איידער איך זאָל דאַרפען צוזעהן ווי מיינע טייערע זיינען געצוואונגען צו ליידען נויט". — נו, מיינע ליבע צוהערער, איך ווייס אַז ביי פיעלע פון אייך איז אַ פאַרמעגען, וועלכער ברייגט אריין פינף

טויזענט דאָלאר א יאָהר, פאַררעכענט פאַר א רייכטהום, און דאַריבער וועט איהר געווים דענקען אז דיזער מענש, וועלכער איז באגאנגען זעלבסט־מאָרד, ווייל עס איז איהם איבערגעבליבען נאָר אזא פארמעגען, איז גאנץ איינפאַך אַרונטער פון זינען. — אלזא, מוז איך אייך אויפמערקזאם מאכען, אז ביי א מענשען וועלכער איז געוואוינט געווען אויסצוגעבען פופציג טויזענד דאָלאר א יאָהר אויף זיין הויז פארברויך, איז פינף טויזענט דאָלאר א יאָהר נישט מעהר ווי הונגער־ווייזדושעס. וויפיל מאָל הערט מען צווישען איינפאכע מיטעלקלאַס מענשען: איך קען זיך ניט באַגעהן אָהן אן אָטאָ־מאָביל! אָדער איך מוז האָבען אן אפארטמענט פון הונדערט פופציג דאָלאר א מאָנאט רענט! איך קען ניט העלפען איך מוז סמאוקען א גוטען סיגאַר! מיינע טעכטער קאָנען ניט ארויסגעהן אבי ווי, זיי מוזען האָבען עקספענסיווו העטס און עקספענסיוו דרעסעס, א. ז. וו. א. ז. וו. — דער תענית עפענט אונז די אויגען צו זעהן אַז דאָס וואָס מיר מוזען אין אמת'ען האָבען, איז ניט מעהר ווי ברויט און וואסער!

דער תלמוד דערצעהלט אונז א לעגענדע וועגען אלכסנדר מוקדון, אז ער איז אמאָל ארויס מיט זיין ארמיי אין אפריקא מלחמה צו האלטען געגען א לאנד, וועלכע איז רעגירט געוואָרען פון פרויען. די פרויען האָבען ניט געמאכט קיין פארזוך צו מאכען א ווידערשטאַנד, נאָר פארקערט, זיי האָבען איהם עמפפאנגען מיט קעניגליכען פאראד, און ווען מיטאגצייט איז געקומען האָבען זיי אוועקגעשטעלט פאַר איהם א טיש מיט שפייז פון וועלכע יעדע זאך, די ברויט און די פיש און די פלייש, זיינען געווען געמאכט פון גאָלד; אלכסנדר האָט געקוקט אויף דיזע סצענע מיט גרוים ערשטוינען, און אם ענדע האָט ער א פרעג געטאָן די קעניגין: ווי קען איך עסען ברויט געמאכט פון גאָלד? — דאַרויף האָט איהם די קעניגין געענטפערט: אויב דו ווילסט עסען נאטירליכע ברויט געמאכט פון ווייץ אָדער קאָרן האָסטו דאך ניט געדאַרפט ארויסקומען אזוי ווייט דאָס צו זוכען, האָסטו דאָך דאָס געקענט געפינען אין דיין אייגענער לאַנד!

דאָס איז וואָס דער תענית קומט דעם מענשען צו לערנען; די איינציגע זאך וואָס דו דאַרפסט אין אמת'ען נויטיג האָבען, איז ברויט צום עסען; די איבריגע גוטע זאכען פון דער וועלט זיינען נאָר קלייניגקייטען אין פארגלייך דאַמיט, און דאך זעהען מיר א מאָדנע זאך, אז מענשען מאכען די גרעסטע אנשטרענגונג אריינצוקריגען אין זייער באזיץ דוקא די אונוויכטיגע זאכען פון דער וועלט. עס געפינען זיך טויזענדער מענשען, וועלכע האָבען שוין אָנגעזאַמעלט גענוג רייכטום צו באַזאָרגען זיך און זייערע פאמיליען מיט די נייטיגע זאכען פון לעבען ביז די ענדע פון זייערע יאָהרען און דאך ריזיקירען זיי זייער לעבען און גאנץ אָפט פארקויפען זיי אויך זייערע נשמות צום טייוועל, כדי אריינצוקריגען אביסעל מעהר רייכטהום.

III

דער תענית קומט אונז אויך צו לערנען מיר זאָלען אריין אין דער לאַנגע פון די יעניגע, וועלכע זיינען געצוואונגען צו פאסטען אָפטע תעניתים דורך עקאָנאָמישע אומשטענדען. — פילע פון מיינע צוהערער זיינען ארבייטגעבער;

זיי זיינען געוואוינט צו רופען זייערע ארבייטער מיט'ן נאָמען „הענט", און צו קוקען אויף זיי אזוי ווי אויף מאשינען וואָס זיינען באשאפען געוואָרען אויף דער וועלט פאר דעם איינציגען צוועק אָנצוקלייבען אן אומגעהויערען רייכטהום פאר זייערע באַסעס. ווען זיי קומען צו זייערע באָסעס און דער־ציילען זיי אז דער לעבענסמיטעל איז יעצט זייער טייער און אז זייערע פאַמיליעס ליידען הונגער און קעלט, פאלען זייערע ווערטער אויף שטיינערנע הערצער; די רייכע קענען ניט פארשטעהן וואָס הונגער מיינט, אזוי ווי א בלינדער קאָן ניט פארשטעהן דעם אונטערשייד אין די פארשיידענע קאָלירען, אָדער אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט פון מאריא אנטאָינעטטא, דאָס ווען מען האט איהר דערצעהלט אז מיליאָנען מענשען אין איהר קעניגרייך האָבען ניט קיין ברויט צו עסען, האט זי אָנגעקוקט מיט גרויס ערשטוינונג און געפרעגט: ווארום עסען זיי ניט קיין קייק? — פיעלע פון אונז האָבען אומגעפער די זעלבע אידעע וועגען ארימקייט, און טאקי פאר זיי איז דער פאסט־טאָג זייער נוצבאר. — נאָכדעם ווי א איד פאַסט פיר און צוואנציג שטונדען, קאָן ער פארשטעהן וואָס דאָס מיינט ליידען הונגער, און פיליי‍כט וועט ער זיך שוין פאר איין גאנג דערמאָנען אז זיינע „הענט" האָבען אויך מאָגענס און אז עס טרעפט אָפט אז א דוצענד „מאָגענס" זיינען אָפּהענגיג אָן איין איינציגע פאָר הענד.

IV

נאָך א וויכטיגע לעקציאָן קאָן אונז דער תענית לערנען, און דאָס איז די שטאַרקייט פון דעם מענשען'ס ווילענסקראַפט. — פילע פון אונז, ווען זיי קומען בעפאָר גאָטס טהראָן אין דיזע הייליגע טעג, זוכען זיך צו ענטשול־דיגען פאר זייערע חטאים אויף דעם גרונד פון די שוואכקייט פון דער מענשליכער נאַטור; זיי האָבען געוואוסט אז זיי זינדיגען געגען גאָט, אָדער געגען זייערע מיטמענשען, נאָר זיי האָבען זיך ניט געקענט העלפען — זיי האָבען ניט געהאט גענוג ווילענסקראַפט בייצושטעהן דעם נסיון. אָבער דיזער תענית באווייזט אז ווען איהר ווילט שטאַרק, האט איהר א שטאַרקען ווילענס־קראַפט און איהר קענט ביישטעהן א נסיון — דער שטאַרקסטער נסיון פאר יעדען מענשען איז הונגער! אויב איהר קענט ביישטעהן דעם נסיון ניט אריינצוטאָן קיין שפייז אין אייער מויל גאַנצע פיר און צוואנציג שטונדען, קענט איהר ביישטעהן יעדען נסיון וואָס שטעלט זיך אייך אין וועג!

V

דער יום כפור האט נאָך אַן אויפגאַבע און דאָס איז צו געבען די גייסטיגע פיהרער פון יודענטהום די געלעגענהייט צו ריידען צו אייך אַן ערנסטען וואָרט, אמווייניגסטען איינמאָל אין יאָהר — ווייל דעם גאַנצען יאָהר קאָן מען צו אייך ניט ריידען וועגען קיין אנדער ענין אויסער „ביזנעס".

די מיטהאָלאָגיע דערציילט וועגען א געוויסען דעספּאָטישען קעניג, וועלכער האט רעגירט זיין פאָלק מיט אַן אייזערנע האנד און האט ארויפגע־לייגט אויף זיי זייער שווערע לאַסטען, וואָס זיי האָבען שוין ניט געקענט

אריבערטראָגען. ער האָט אפילו געהאַט איין מעלה וואָס ער איז געווען אָפּען צו איבערצייגונג, ד. ה. אז מען האָט גערעדט צו איהם און איהם איבערצייגט אז ער איז אומגערעכט איז ער געווען גרייט מודה צו זיין אז ער האָט ניט ריכטיג געהאַנדעלט און גוט צו מאַכען די אומרעכט וואָס ער האָט געטאָן. האָט ער אָבער געהאַט אַנאַנדער געוואוינהייט וועלכע האָט נייטראַליזירט יענע מעלה אַזוי דאָס מען האָט פון איהר קיין בענעפיט ניט געקאָנט האָבען. נעמליך, ער האָט געהאַט אַ געוואוינהייט אז עס איז געווען אַ געפערליכע זאַך צו ריידען צו איהם ווען ער איז „ביזי“. און ער איז אימער געווען „ביזי“; ענטוועדער ער איז געווען פאַרנומען מיט דער פאַרוואַלטונג פון זיין רעגירונג, אָדער ער האָט געגעסען, אָדער געשלאָפען, אָדער געשריבען בריף, אָדער געלעזען, אָדער גענומען אַ שפּאַציר. און אין דיזע אַלע צייטען איז געווען לעבענסגעפעהר אַנצופאַנגען אַ געשפּרעך מיט איהם. דער רעזולטאַט איז געווען אז זיין פאָלק האָט ניט געקענט ציהען קיין נוצען פון זיין גוטע מעלה וואָס ער איז געווען אָפען צו איבערצייגונג, ווייל ער איז שטענדיג געווען „ביזי“ און עס איז ניט געווען קיין געלעגענהייט ווען איהם צו איבערצייגען!

אַלזאָ, די איינוואוינער פון יענעם לאַנד האָבען זיך געפונען אין אַ פאַר־צווייפעלטער לאַגע, ביז עס האָט זיך געפונען צווישען זיי אַ חכם, וועלכער האָט זיי געגעבען אַן עצה, זיי זאָלען „קידנעפּען“ זייער קעניג אויף איין טאָג, אין וועלכען זיי זאָלען צונעמען פון איהם אַלע באַשעפטיגונגען, אַזוי דאָס ער וועט ניט האָבען קיין אַנדער ברירה, נאָר אויסצוהערען די טענות פון זיינע אונטערטהאַנען. — די עצה איז ערפאָלגרייך אויסגעפירט געוואָרען. דער קעניג האָט אויסגעהערט זייערע טענות, און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך טאַקי גענומען אַ נייעם דרך אין דער פאַרוואַלטונג פון זיין קעניגרייך.

ווייסט איהר, מיינע ליבע צוהערער, ווער דיזער מיטהאָלאָגישער קעניג איז? איהר אַלע קענט איהם, דאָס איז דער „מלך אביון“, דער מענש! — פיעל אומרעכט געגען גאָט און זיינע מיטמענשען באַגעהט דער מענש ביז עס קומט די צייט פון „בלה ורד שחת“. — נאָר איין גוטע מעלה האָט אַ איד, ער איז אָפען צו איבערצייגונג; ווען מען רעדט מיט אַ אידען און מען באַ־וויזט איהם אז ער האָט ניט געטאָן זיין פליכט, וועט ער צוגעבען זיין זינד און ער וועט מאַכען אַן אנשטרענגונג גוט צו מאַכען וואָס ער האָט פאַרפעהלט. — איז אָבער די צרה, אז ער איז שטענדיג ביזי „בליאות בלי נחת“! — ענטוועדער ער איז פאַרטאָן אין זיין געשעפט, אָדער מיט זיין פאַמיליע, אָדער מיט גוטע ברידער א. ז. וו. — און ווען ער איז ביזי, איז נוצלאָז צו ריידען מיט איהם ווענען אירגענד וועלכען עסק, אויסער ווענען געלט מאַכען! — אָבער גאָט איז דאָך אַ רחום וחנון „כי לא יחפוץ במות המת“, ער וויל ניט זעהן אז אַ מענש זאָל אָבלעבען אַ גאַנצען לעבען פון הבל הבלים און אוועקגעהן פון דער וועלט אפילו אָהן ווידוי, האָט ער דאַריבער באַשטימט דעם טאָג יום כפור ווען אַלע באַשעפטיגונגען פון דעם מענשען קומען צו אַ שטילשטאַנד; קיין עסען, קיין טרינקען, קיין אַרבייט, קיין צייט־פאַרטרייב, נאָר אַלע אידען זיינען פאַרזאַמעלט אין די שוהלען, און איבערגעוואָלט מוז ער זיך איינהערען אַ פּאָר ערנסטע ווערטער, וועלכע האָבען צו טאָן מיט דער נשמה.

און באַרעכענענדיג אז דיזער איז דער איינציגער טאָג אין וועלכען איך

האב די געלעגענהייט צו ריידען צו אייך, און וויסענדיג אז דער טאג איז קורץ — היום יפנה השמש יבא ויפנה — פיהל איך די גרויסע פאראנט־װאָרטליכקייט, וועלכע ליגט אויף מיר אין דיזען מאמענט; ווייל אויב מיינע יעצטיגע רייד זאָלען חלילה פארפעהלען זייער ציעל, דאן האט איהר גאנץ ווייניג אויפגעטאן מיט אייער פאסטען.

VI

וואס קאן איך אייך זאגען אין דיזען מאמענט, וואס זאל זיין קורץ און זאל ניט פארפעהלען דעם ציעל? — וואס האבען די אונטערטאנען פון יענעם מיטהאלאגישען קעניג געזאגט צו איהם ווען ער האט געהאט צייט זיי אויסצוהערען? — זיי האבען צו איהם וואהרשיינליך געזאגט פאלגענדעס: ניט פון אונזערטוועגען אליין זיינען מיר געקומען צו דיר, נאר אויך צוליב די קומענדיגע נאך יעצט ניט געבארענע דורות; וואלסטו געווען א פראכטער מענש, א מענש פון פאלק, וואלטען דיינע מעשים ניט געהאט קיין ווירקונג אויף קיינעם נאר אויף זיך אליין. אבער דו ביזט דאך א קעניג; יעדער וואָרט וואס געהט ארויס פון דיין מויל ווערט פארשריבען אין די מלוכה־ביכער און עס בלייבט געזעץ אויף אייביג; יעדע טהאט וואס דו טוסט ווערט באלד א היסטארישער פאקט און האט אן אייביגען עפעקט אויף די קומענדיגע דורות. — דאריבער ליגט אויף דיר די פליכט צו וועגען און צו מעסטען יעדען וואָרט און יעדע טהאט וואס דו טוסט, אז עס זאל זיין אין איינקלאנג מיט די אבסאלוטע גערעכטיגקייט.

איך וועל זאגען דאס זעלבע צו אייך, מיינע פריינדע, אין דיזען היילינען מאמענט. ניט פאר דעם בענעפיט פון דעם יעצטיגען דור אליין רייד איך צו אייך, ווייל „אנו ימינו כצל עובר"; עס וועט ניט נעמען לאנג און מיר אלע וועלען זיין ארונטער פון דער סצענע — אבער די פרוכט פון אונזער לעבען און פון אונזערע מעשים, גוטע אדער שלעכטע, וועט לעבען אויף אייביג!

מיר, די קינדער פון דעם יעצטיגען דור אין אמעריקא, זיינען די פיאנערען פון יודענטהום אין דיזען לאנד; וואס מיר טוען און ווי אזוי מיר האנדלען וועט זיין פארצייכענט אין די בלעטער פון דער צוקונפטיגער היסטאריע פון אונזער פאלק, און וועט נאכגעפאלגט ווערען פון אונזערע קינדער; מיר לייגען דעם פונדאמענט, זיי וועלען אויף דיזען פונדאמענט דארפען אויפשטעלען די געביידע פון אמעריקאנער יודענטהום. — איהר וועט אלע צוגעבען, אז עס איז אוממעגליך אויפצושטעלען א שטארקע גע־ביידע אויף א שלעכטען פונדאמענט!

דאריבער זאג איך צו אייך, מיינע ברידער, מיט די ווערטער פון א היינטיגע תפילה: היום יכתב בספר הזכרונות החיים והמות! — וואס מען קען פארטייטשען אויף פאלגענדען אופן: היום, די מעשים וואס מיר טוען היינט, יכתב בספר הזכרונות, וועט פארצייכענט ווערען אין דעם בוך פון אונזער צוקונפטיגער היסטאריע, החיים והמות, עס ליגט אין אונזערע הענט צו באשליסען אויב אונזער הייליגע אמונה זאל לעבען אין דיזען לאנד, אדער זי זאל חלילה אפשטארבען. — און אויב דאס זאל חלילה פאסירען, וואס וועט די וועלט זאגען? — די פעלקער וועלען זאגען, און מיט

רעכט, אז יעצט זעהען זיי דאָס דער וואונדערבארער קאמף וואָס מיר האָבען אנגעפירט פאר׳ן יודענטהום אין די פארגאנגענע דורות, איז ניט געווען אויס ליבע צום יודענטהום, נאָר פשוט ווייל מיר זיינען אַן „עם קשה עורף״; ויען זיי האָבען געוואָלט מיט געוואלט ענטרייסען די תורה פון אונז, האָבען מיר געפאָכטען פאר איהר ביז דעם לעצטען טראָפען בלוט, אָבער ווי נאָר זיי האָבען אונז צורוה געלאָזט, האָבען מיר איהר פרייוויליג אוועקגעוואָרפען!

איך זאָג דאריבער צו אייך אין דעם לשון פון אונזערע היינטיגע תפילות: עורי נא התעוררי נא! — כאפט זיך אויף פון אייער גלייכגילטיגקייט און טוט ממשות׳דיגע ארבייט פאר׳ן יודענטהום! — עס איז ניט גענוג וואָס איהר האָט אידישקייט אין הארצען, דערפון וועט דער בנין ניט געבויט ווערען און ניט אויפגעהאלטען ווערען — החלש יאמר גבור אני, דער שוואכער זאָל ווערען א העלד, און דער גלייכגילטיגער זאָל ווערען א הייסער פאטריאָט, ווייל נאָר אויף דיזען אופן וועלען מיר קענען איבערגעבען אונזערע גייסטיגע אוצרות צו אונזערע קינדער.

ארבעה מינים

דרוש לסוכות

אם שמחה למה חגיגה ואם חגיגה למה שמחה?

א״ר אבין משל לשנים שנכנסו לפני הדיין ולית אנן ידעינן מאן הוא נצח, אלא מאן דנסיב באיין (כידון) בידו אנן ידעינן דהוא נצח, כך ישראל ואומות העולם באין ומקטריגין לפני הקב״ה בראשה״ש, ולית אנן ידעינן מאן נצח, אלא במה שישראל יוצאין מלפני הקב״ה ולולביהן ואתרוגיהן בידיהון אנו יודעין דאינון נצחיא (מדר״ר פ׳ אמור).

הקושיות על המאמר דלעיל: 1) וכי מלפני דיין יוצאין בכידון? 2) מה היא הראיה ממה שישראל יוצאין בלולביהן ואתרוגיהן שישראל הוא המנצח? 3) מה יועילו לנו כל הראיות שבעולם שישראל הוא המנצח, הרי רואים אנו בחוש שבכל העולם ישראל הוא המנוצח מן העמים?

I

אז איהר וועט דורכבלעטערען די וועלט-געשיכטע וועט איהר געפינען, אז מלחמות האָבען זיך אנגעפאנגען צווישען די פעלקער איבער צווייערליי אורזאכען: איבער מאטעריעלע סיבות, אזוי ווי צ. ב. ש. ווען א שטארקערעס פאָלק האָט חשק געקראָגען צוצונעמען א שטיק לאנד פון א שוואכערעס, און איבער אידעאלע אורזאכען, אזוי ווי מלחמות וועגען רעליגיאָן. — און איהר וועט געפינען אז די לייגנסטע און די ביטערסטע מלחמות (אזוי ווי די

הונדערט יעהריגע קריג און די דרייסיג יעהריגע קריג) זיינען געפאָכטען געוואָרען צוליב רעליגיאָן.

נאָך איין אונטערשיעד וועט איהר געפינען צווישען דיזע צווייערליי מלחמות, און דאָס איז, אז אין מאַטעריעלע מלחמות קאָן מען גלייך זעהן ווער עס האָט געזיגט און ווער עס איז באזיגט געוואָרען, אָבער אין מלחמות צוליב גייסטיגע זאכען, ד. ה. צוליב אידעאַלען, קאָן אמאָל טרעפען אז גראדע דער באזיגטער האָט געוואונען. צ. ב. ש. דער גרויסער פילאָזאָף סאָקראַטעס פון גריכענלאַנד האָט געהאַט שונאים, וועלכע האָבען זיך מתקנא געווען אין זיין גרויסקייט און האָבען איהם געוואָלט פארניכטען, און פאר דער שיין פון דער וועלט האָט אויסגעזעהן אז זיי האָבען טאַקי אויסגעפירט; זיי האָבען איהם געצוואונגען צו טרינקען גיפט. אָבער יעצט, נאָכדעם ווי דריי טויזענט יאָהר זיינען שוין פארבייגעגאַנגען נאָך זיין טויט, ווייסען מיר אז סאָקראַטעס האָט געזיגט, ד. ה. זיינע אידעען האָבען געזיגט, זיי האָבען איבערגעלעבט ניט נאָר זיינע שונאים, נאָר גאַנץ גריכענלאַנד; פון די פארצייטיגע גריכען איז שוין לאַנג קיין שריד ופליט ניטאָ, אָבער די פילאָזאָפיע פון סאָקראַטעס לערענט מען נאָך היינט אין אַלע קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטען פון דער וועלט. נאָך א ביישפּיל קאָן איך אייך געבען פון דער קריסטליכער קירכע. דער באַוואוסטער רעפאָרמער הוס האָט געוואָלט רעפאָרמירען די קאַטוילישע קירכע. דער פּאַבסט האָט איהם אריינגעקראָגען אין האנד און האָט געמאַכט מיט איהם א גאַנץ קורצען פּראָצעס; ער האָט איהם פארברענט לעבעדיגערהייט; אָבער נאָכ'ן טויט האָבען הוס'עס אידעען געפונען מיליאָנען אַנהענגער און זיי האָבען באזיגט די קאַטוילישע קירכע.

דאָס אידישע פאָלק האָט אויך געפאָכטען צווייערליי מלחמות, מאַטעריעלע און גייסטיגע, די מאַטעריעלע ווערען אָנגערופען „מלחמת הרשות“ און די אידעאַלע ווערען אָנגערופען „מלחמת מצוה“. — אין די מאַטעריעלע מלחמות האָבען זיך אידען ניט זייער שטארק אויסגעצייכענט. אין אונזער היסטאָריע געפינען מיר קיינע אלכסנדר מוקדון'ס און קיינע נאַפּאָלעאָן'ס. אָבער די גייסטיגע מלחמות וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געפירט געגען די פעלקער, האָבען ניט קיין גלייכען אין דער וועלט; און אין דיזע גייסטיגע מלחמות האָבען אידען באזיגט די גאַנצע וועלט!

די הויפּט גייסטיגע מלחמה וואָס אידען האָבען געפאָכטען זינט זיי זיינען געוואָרען א פאָלק, איז געגען די געטער און דאָס געצענדינסט. — איהר האָט דאָך געוויס געהערט אין אייער קינדהייט די לעגענדע ווי אזוי אונזער פאָטער אברהם האָט אין זיין קינדהייט צובראָכען זיין פאָטער'ס אָבגעטער; דיזע לעגענדע, וועלכע געפינט זיך אין מדרש, און וועלכע איז באוואוסט צו אַלע אידישע חדר־קינדער, ענטהאַלט א נבואה וועגען די גייסטיגע ארבייט וואָס איז באשטימט געוואָרען פאר דאָס אידישע פאָלק. דער קליינער אברהמ'ל, וועלכער איז געשטאַנען מיט א האַק אין האנד און געבראָכען געטער איז געווען א סימן לדורות. — ער האָט געוויזען זיינע קינדער דעם וועג, אז זייער עובדא איז צו ברעכען געטער, און אזוי האָבען זיי טאַקי געטאָן. אונזער מוטער רחל האָט אָבגעגנב'עט די „תרפים“ פון איהר פאָטער און האָט זיי באהאַלטען אין דעם קישעלע פון איהר זאָטעל און האָט זיך געזעצט אויף זיי. די בני יעקב, ווען זיי האָבען אויסגע'הרג'עט

די אנשי שכם, האָבען באַגראָבען זייערע געטער טיף אין דער ערד. די שפּעטערדיגע אידען, ווען זיי האָבען באזיגט די פעלקער פון כנען, „הרסו את מצבותיהם ופסילי אלהיהם שרפו באש". ווען די פלשתים האָבען געפאַנגען דעם ארון ברית האלהים און איהם אַריינגעבראַכט אין דעם טעמפּעל פון זייער אָבגאָט דגון, האָבען זיי געפונען אויפמאָרגען ווי דגון ליגט אויסגעצויגען אויף דער ערד מיט'ן פּנים ארונטער פאַר'ן ארון האלהים. — די אידעע, וועלכע איז איינגעוויקעלט אין דיזען סימבאָל, איז אז וואו אידען זיינען **געגאַנגען מיט זייער תורה זיינען די געטער און די געצענדינסט געפאַלען פאַר זיי!**

אין די צייטען פון די חשמונאים איז דאָס אידישע פאָלק געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט די געצענדינסט פון די אַלטע גריכען. די גריכישע געצענ־דינסט איז געוועזן ענטוויקעלט צו דער מדרגה פון אַ גרויסע און שטאַרקע מלוכה. אויפ'ן באַרג אלימפּוס האָבען געקעניגט מיליאָנען מיטהאָלאָגישע געטער. לויט דעם גלויבען פון זייערע אָנבעטער, האָט יעדער גאָט געהאַט אַ מחנה ווייבער און קינדער (כשר'ע און ניט קיין כשר'ע); זיי האָבען פאַרבראַכט די צייט (ווען זיי זיינען ניט געוועזן פאַרנומען מיט מלחמות צווישען זיך) אין בעלער און הוליאַנקעס; זיי האָבען געשיכור'ט און אָפּגעטאָן כל הנבלות שבעולם. דאָס אידישע פאָלק איז אַרויס אין קאַמף געגען זיי מיט אן איינציגען גאָט וואָס מען קאָן איהם ניט זעהן און מען קאָן איהם ניט אָנטאַפּען; און דערצו איז ער אַ שטרייגער גאָט מיט אַ לאַנגען ליסט פון „מען טאָר ניט"; לא תגנוב, לא תנאף, לא תרצח, לא תחמוד, א. ז. וו. — און די וועלט ליבט נישט די לעהרען פון „מען טאָר ניט"; מענשען ליבען בעסער די לעהרען אָדער רעליגיאָנען, וועלכע זאָגען אז מען מעג אַלעס. אָבער ביסלאַכווייס האָט די וועלט איינגעזעהן, אז די אַלע „מען טאָר ניט'ס" זיינען פון דעם מענשענ'ס אייגענע טובה וועגען, און דער אידישער גאָט האָט ביסלאַכווייס באזיגט די גאַנצע וועלט. אין אונזערע צייטען איז די געשיכטע פון די גריכישע געטער געבליבען נאָר אַ בבא מעשה, און פאַרקערט די אמונה אין דעם הימלישען גאָט „אשר לא יראנו האדם וחי", האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער.

אָט דיזע מלחמה וואָס דאָס אידישע פאָלק פירט געגען די געטער און דעם געצענדינסט איז סימבאָליזירט געוואָרען אין דער תורה דורך דער מעשה'לע ווי אַזוי אונזער פאָטער יעקב האָט זיך געראַנגעלט מיט אַ מלאך און האָט איהם ביייגעקומען. און פאַר'ן אוועקגעהן האָט איהם דער מלאך געזאָגט: **לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל, כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל.** — די ווערטער „עם אלהים" מיינען ניט ווי מען האָט אונז געלערענט אין חדר „מיט אַ מלאך" (ווען מען מיינט אַ מלאך, זאָגט די תורה בפירוש אַ מלאך, אַזוי ווי עס שטעהט „ויפגעו בו מלאכי אלהים), נאָר עס מיינט, דו האָסט זיך געראַנגעלט מיט די געטער פון די פעלקער, ד. ה. מיט'ן געצענדינסט ותוכל — און פון היינט אָן זאָל זיין דיין נאָמען **ישראל,** ווייל דאָס וועט זיין דיין מיסיאָן אויף דער וועלט, **זיך ראַנגלען מיט די געטער!** — און דאָס איז אויך די מיינונג פון דעם פּסוק: ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים. — פרעגט זיך די פראַגע: פאַסט דאָס פאַר גאָט צו באַרימען אַז ער קען בייקומען די הילצערנע און שטיינערנע געטער פון מצרים? —

נאָר ער האָט געמיינט צו זאָגען, אז דורך די וואונדער וואָס ער וועט באוויזען אין מצרים וועט ער צוברעכען דעם געצענדינסט פון מצרים.

און האריבער, ווען א קריסט ווארפט מיר אויף אז אידען האָבען גער־הרג'עט זיין גאָט, לייקען איך זיך ניט אָב. איך בין מודה אז ניט איין גאָט האָבען מיר גע'הרג'עט, נאָר טויזענדער געטער; די געטער פון מצרים, פרס, מדי, יון, רומה, א. ז. וו. — דאָס איז אונזער פּראָפעסיאָן צו הרג'ענען געטער!

II

נאָר דער גרעסטער כבוד פאר די אידישע נאציאָן זיינען די מיטלען מיט וועלכע ער האָט געוואונען דיזע גייסטיגע מלחמה — די מיטלען מיט וועלכע דאָס רוב נאציאָנען האָבען געפירט מלחמות זיינען פון מאָראלישען שטאנדפונקט געווען פיל מעהר בזיון פאר'ן זיגער ווי פאר'ן באזיגטען. די מיטעל פון געווינען מלחמות זיינען געווענליך פארגיסען טייכען בלוט, לאָזען א מחנה יתומים און אלמנות, חרוב מאכען שטעט, פאַרוויסטען פעלדער א. ז. וו. — דאָס זיינען וואפען מיט וועלכע די פעלקער האָבען זיך באנוצט צו געווינען מלחמות.

אידען האָבען זיך קיינמאָל ניט באנוצט אין זייערע גייסטיגע מלחמות מיט דעם סאָרט כלי זיין. די כלי זיין, מיט וועלכע אידען האָבען זיך באנוצט ווערען קינסטליך באצייכענט פון די ארבעה מינים, וועלכע מיר נעמען אין דיזען יום טוב.

דער וויכטיגסטער פון די ארבעה מינים איז דער אתרוג. — דער הויפט כאראקטער־שטריך פון דעם אתרוג איז אויסדויער. דער נאָמען „אתרוג" איז אין דער תורה גאָר ניט דערמאָנט. אין דער תורה שטעהט נאָר „ולקחתם לכם פרי עץ הדר", און דערפון האָבען די חכמים געדרשנט, וואָס מיינט דאָס וואָרט „הדר"? הדר באילנו משנה לשנה, ד. ה. אזא סאָרט פרי, וואָס האלט זיך אויפ'ן בוים זומער און ווינטער. און די איינציגע פרוכט וואָס האָט דיזע מעלה איז דער אתרוג. און דערפאר איז דער אתרוג דער סימבאָל פון אויסדויער.

די ערשטע וואפען, מיט וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט געוואונען איהר גייסטיגע מלחמה געגען די פעלקער, איז אויסדויער, אָדער ווי מען רופט עס אין ענגליש Staying power. ווען צוויי נאציאָנען פירען א מלחמה איינע געגען די צווייטע, מוזען זיי האָבען ניט נאָר קאמפּס־פעהיגקייט, נאָר אויך אויסדויער, ד. ה. די פעהיגקייט אריינצונעמען א סך קלעפּ און זיך ניט אונטערגעבען. אין ביזנעס איז אויך דאָס זעלבע. א מענש איז אמאָל אַן אויסגעצייכענטער ביזנעסמאַן און פון דעסטוועגען איז ער וואָס מען רופט אין אמעריקא א „פיילויר", ווייל עס פעהלט איהם די נאטור זיך צו האלטען אָן איין זאך; אלע מאָנטאג און דאָנערשטאג פאנגט ער אָן א נייע ביזנעס. — אידען האָבען געוואונען זייער גייסטיגע מלחמה, ווייל זיי האָבען זיך געהאלטען אָן דעם גאָט וואָס זיי האָבען איינמאָל אָנגענומען און האָבען איהם קיינמאָל ניט געביטען. מען האָט זיי געברענט אין פייער, געוואָרפען אין וואסער, געטריבען פון לאנד צו לאנד, אָבער זיי האָבען ניט אויפגעגעבען

דעם קאמף ביז זיי האבען געוואונען זייער טויזענד־יעהריגע מלחמה. — אין היינטיגע צייטען איז ניטא א ציוויליזירט פאלק אויפ'ן ערד־קוגעל, וואס גלויבט ניט אין דעם אלהי השמים ואלהי הארץ. — עס איז אמת אז זייערע אמונות זיינען צוזאמענגעמישט מיט א סך פסולת, אבער מיר האבען נאך אונזער קאמף ניט געענדיגט; מיר וועלען פארטזעצען אונזער קאמף ביז עס וועט מקויים ווערען די נבואה פון נביא זכריה: והיה כל הנותר מכל הגוים הבאים על על ירושלים ועלו מדי שנה בשנה להשתחוות למלך ה' צבאות ולחג את חג הסוכות. — דאס איז דער כח פון אונזער וואונדערבארען „סטייאינג פאוער", און דאריבער האבען זיי דאס באצייכענט מיט'ן אתרוג, הו"ר באילנו משנה לשנה — אזוי ווי דער אתרוג האלט זיך אן בוים זומער און ווינטער, אזוי האט זיך דאס אידישע פאלק געהאלטען אן דעם עץ החיים (התורה), ביי בעת טובה (זומער) און סיי בעת רעה (ווינטער).

III

נעקסט אין וויכטיגקייט צום אתרוג איז דער לולב. — דער הויפט כאראקטער־שטריך פון לולב איז דאס, וואס ער איז גלייך ווי א סטרונע; איהר וועט ניט געפינען קיין פלאנצונג אין דער וועלט וואס איז אזוי גלייך אין איין לאנגע ליניע ווי דער לולב; נאטירליך וואקסט ער ניט אזוי; פאר־קערט, זיינע צווייגען זיינען צושפרייט, נאר ער איז ניט כשר פאר דער מצוה פון נטילת לולב ביז ער ווערט געבראכט צו דער פארמע אין וועלכער מיר זעהען איהם, (ווייל דער דין איז: נפרצו עליו פסול). א גלייכע ליניע איז דער סימבאל פון אמת און גערעכטיגקייט; ווייל דער אמת האט נאר איין וועג, וועהרענד דער שקר האט טויזענט וועגען. אז איהר פרעגט יעמאנדען וואו איז ער געווען, און אויב ער וויל אייך זאגען דעם אמת, האט ער איין ענטפער אויף אייער פראגע. אבער אויך ער וויל אייך זאגען א ליגען, האט ער טויזענט תירוצים. דאס זעלבע אויב איהר האנדעלט מיט אימיצען, און אויב ער וויל אייך באהאנדלען עהרליך און אידישלאך, האט ער נאר איין וועג, אבער אויב ער וויל אייך באשווינדלען, האט ער טויזענד וועגען ווי אזוי אייך צו באשווינדלען. און דאריבער געפינט איהר אז אין אלע שפראכען באנוצט מען דאס ווארט „גלייך" פאר עהרליכקייט; אין ענגליש זאגט מען: „הי איז סטרעיט"; אין העברעאיש רופט מען עהרליכקייט „מישרים", און אן עהרליכען מאן רופט מען ישר.

דער גרונד־פרינציפ, אויף וועלכען דאס יודענטהום איז געגרינדעט, איז גערעכטיגקייט, ד. ה. באהאנדעל דעם צווייטען ווי דו פארלאנגסט ער זאל דיר באהאנדלען! — די קריסטליכע אמונה וויל זיך ניט באנוגענען מיט דיזען פרינציפ; זי איז געגאנגען א טריט ווייטער און האט געזאגט: „זאלסט ליב האבען דיינע שונאים; אז איינער גיט דיר א פאטש אין באק זאלסטו איהם געבען די אנדערע באק!" — נון, וויל איך זיך יעצט ניט ארייגלאזען אין דער חקירה, וועלכע פון דיזע צוויי פרינציפען איז בעסער; נאר איין זאך איז זיכער, אז דער אידישער פרינציפ איז פיל פראקטישער. — איינער האט אמאל געוויזען זיינעם א באקאנטען א דימאנט, וואס ער האט געקויפט. זאגט יענער: „א שפאס! אויך מיר א דימאנט! גרויס ווי א שפילקע קעפעל;

איך וואָלט אזא דימאַנט אין האַנט ניט גענומען; אין דער קרוין פון ענגלישען קעניג איז דאָ אַ דימאַנט גרויס ווי אַ וועלשער נוס!" — זאָגט דער ערשטער צו איהם: „שוטה איינער! וואָס ריהמסטו זיך מיט'ן דימאַנט אין דער קרוין פון ענגלישען קעניג? דו האָסט דאָך איהם ניט; בעסער אַ דימאַנט גרויס ווי אַ שפּילקע קעפּעל בּאַ מיר אין האַנד, איידער אַ דימאַנט גרויס ווי אַ וועלשער נוס אין דער קרוין פון ענגלישען קעניג!" — דאָס גלייכען קאָנען מיר זאָגען צו די קריסטען: דער פּרינציפּ פון ליב האָבען אַ שונא איז פילייכט העכער ווי דער פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט, אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר זיך צו ריהמען דערמיט? איהר האָט דאָך דאָס ניט! איהר האָט דאָך ניט פּראַקטיצירט וואָס אייער אמונה לערענט אייך! איהר האָט דאָך געשניטען איינער דעם אַנדערען די העלזער פון אייביג אָן ביז היינטיגען טאָג! איהר האָט דאָך געשטיקט און געדריקט די שוואַכע ווען נאָר איהר האָט געקראָגען אַ געלעגענהייט! איהר האָט דאָך אויסגעטראַכט טייוועלשע מאַשינען צו מאַטערען לעבעדיגע מענשען! איהר האָט דאָך געבּרענט מענשען לעבעדיגערהייט אויפ'ן פייער!

מיר, פאַרקערט, האָבען אונזער פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט געפּראַקטיצירט. גענען אונז האָט די היסטאָריע ניט אויפצואווייזען איין איינציגען פאַל, וואו מיר האָבען בּאַהאַנדעלט אַנדערע פעלקער מיט אומגערעכטיגקייט. פאַרקערט, מיר קענען בּאַווייזען פיעלע פעלע וואו מיר האָבען געהאַנדעלט מיט זיי לפנים משורת הדין.

אלזא, די צווייטע וואַפען, מיט וועלכע מיר האָבען געפיהרט אונזערע גייסטיגע מלחמות, איז גערעכטיגקייט, און דאָס ווערט בּאַצייכענט מיט דעם לולב, דער גלייכסטער פון אַלע פלאַנצען.

IV

נעקסט אין וויכטיגקייט פון די ארבעה מינים איז דער הדס. — דער הדס גיט אַרויס אַ גוטען ריח, אָבער ער האָט ניט קיין טעם; און דאַריבער איז דער הדס דער סימבאָל פון אידעאַליזמוס.

„טעם" איז דער סימבאָל פון מאַטעריאַליזם, ד. ה. קערפּערליכע פאַרגעניגען וואָס מען קען פיהלען מיט'ן צונג אָדער מיט אַנדערע גלידער פון קערפּער; פאַרקערט, „ריח" איז דער סימבאָל פון אידעאַליזם, ד. ה. אַ זאַך וואָס מען קאָן ניט פיהלען מיט'ן צונג אָדער אָנטאַפּען מיט'ן האַנד, אָדער זעהן מיט'ן אויג, און דאַריבער פלעגט מען פאַרצייטען אָנטאָן אַ פּאָעט אַ קרוין פון הדסים. אין די בּילדער וואָס מאַלער האָבען געמאָלען פון דאַנטע, ראַפאַעל, לעאָנאַרדי די ווינטשי, וועט איהר אָפט באַמערקען אַז דער פּאָעט טראָגט אַ קרוין פון הדסים אויף זיין קאָפּ, ווייל דער הדס איז אַ בּילד פון אידעאַליזמוס, פּונקט אזוי ווי פּאָעזיע און קונסט.

איינע פון די וואַפען, מיט וועלכע אידען האָבען געוואונען זייער גייסטיגע מלחמה איז אידעאַליזמוס, און דאַריבער האָט מען אַריינגענומען דעם הדס צווישען די ארבעה מינים, וועלכע בּאַצייכענען די אידישע כלי זין אין זייער אייביגער מלחמה גענען דער גאַנצער וועלט.

די אַנטיסעמיטען זאָגען פאַרקערט, אַז עס איז ניטאָ קיין פאָלק וואָס

איז אזוי מאַטעריאַליסטיש ווי דאָס אידישע; זיי זאָגען אז אידען האָבען גאָר קיין נשמה ניט; אז אויף דעם אָרט וואו דאָס האַרץ דאַרף זיין, ליגט אַ זילבערנער דאָלאר, א. ז. וו. — דיזער בלבול, הגם ער איז ניט אזוי שרעקליך ווי די אַנדערע בלבולים וואָס זיי האָבען געמאַכט אויף אונז, אזוי ווי צ. ב. ש. עלילת דם, אָדער אַז די אידען האָבען פאַרסמ'ט די ברונעמער אין דער צייט פון דער שווארצער פעסט, א. ז. וו. איז ער אָבער פונקט אזוי פאַלש ווי יענע. — ניטאָ אַזאַ אידעאַליסטיש פאָלק ווי דאָס אידישע. עס האָט אָנגעפאַנגען איהר עקזיסטענץ מיט חלומות; יוסף איז געווען אַ חולם חלומות און אַ פותר חלומות; אַנדערע אידען פון ביבלישע צייטען האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט אַלס פותרי חלומות (אַזוי ווי דניאל). דאָס איז אַ סימן לדורות, אַז אידען וועלען אימער זיין חולמי חלומות, „דרימערס אָוו דהי גהעטאָ", ווי זאַנגוויל רופט זיי אָן. אַלס ביישפּיל וועל איך אייך אָנ־ציינען אויף דער אמונה אין ביאת המשיח. שוין צוויי טויזענט יאָהר נאָכ'ן חורבן און דער רוב מנין ורוב בנין פון אונזער פאָלק האָט נאָך ניט אויפגע־הערט צו זאָגען „ואף על פי שיתמהמה בכל זאת אחכה לו בכל יום שיבא". די אויסוועניגסטע וועלט באַטראַכט דיזע האָפענונג אַלס אַ נאַאיווער חלום; אונזער הייליגער משורר אליין זאָגט „בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים". אין אַנדערע צייטען האָט דיזע אמונה אפילו אָנגענומען אביסעל אַ פּראַקטי־שערע פאָרמע, אָבער אפילו אין דער יעצטיגער פאָרמע ווערט דאָס נאָך אויך באַטראַכט פון דער אויסערער וועלט נישט מעהר ווי אַ גוטער חלום; און פון דעסטוועגען געפינט איהר אידישע פּראָפעסאָרען, אידישע באַנקירען, און אידישע שרייבער, וועלכע גלויבען אין דיזען חלום ווי אין אַ פּראַקטישער זאַך, וואָס דאַרף באַלד רעאַליזירט ווערען. — איז דאָס ניט דער בעסטער באַווייז, אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון אידעאַליסטען?

און דיזער אידעאַליזמוס, וואָס אונז אליין האָט דאָס ביז יעצט קיין פיעל נוצען ניט געבראַכט, האָט געבראַכט זייער פיעל נוצען פאַר דער ענט־וויקלונג פון דער וועלט. — פיער טויזענד יאָהר צוריק, אין דער צייט וואָס יעדעס פאָלק האָט געדיינקט אַז נאָר איהרע אייגענע בירגער זיינען מענשען, און זיי האָבען באהאנדעלט ווי חיות אַלע בירגער פון אַנדערע לענדער וואָס זיינען אריינגעפאַלען ביי זיי אין די הענד; אין דער צייט ווען די סדום־בעטעל און די סדום געזעצע האָבען געהערשט אין יעדער לאַנד, — אין יענער צייט האָט דאָס אידישע פאָלק פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ: חוקה אחת ומשפט אחד יהיה לכם ולגר! — אין יענער צייט האָט דאָס אויסגעזעהן ווי אַ חלום פון אַ אידעאַליסט, און די וועלט האָט געדיינקט אַז דער חלום וועט קיינמאָל ניט מקויים ווערען. אָבער אידען האָבען די אייגענשאַפט אַז זייערע חלומות ווערען מקויים. אזוי ווי יוסף'ס חלומות זיינען מקויים געוואָרען, אזוי איז אויך דער חלום פון „חוקה אחת" שוין פאַר אונזערע אויגען מקויים געוואָרען כמעט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער. (עס זיינען נאָך פאַראַן פינסטערע ווינקלען אין דער וועלט, אזוי ווי רומעניען, אונגאַרן, א. ז. וו. אָבער איהר מעגט זיכער זיין, אַז אויך דאָרטען מוז מקויים ווערען דער אידישער חלום.) — נאָך אַ ביישפּיל: אין דער צייט וואָס די וועלט האָט געדיינקט אַז דאַריבער איז די מענשהייט צוטיילט אין נאַציאָנען, כדי זיי זאָלען קענען פיהרען אייביגע מלחמות איינע מיט די אַנדערע, און זיי האָבען

טאַקע ניט אויפגעהערט די מלחמות ; איידער איינע האָט זיך געענדיגט האָבען זיך אַנדערע צוויי אָנגעפאַנגען — דאַן האָט ישעיה ארויסגעזאָגט זיין ער־האַבענע נבואה, אַז אַ צייט וועט קומען ווען „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות" — אין יענער צייט ווען דיזעס איז געזאָגט געוואָרען, האָט דאָס געווים די וועלט באַטראַכט אַלס אַ ווילדען חלום וואָס קען קיינמאָל ניט מקויים ווערען. — אָבער מיר זעהען אין אונזער צייט, אַז דיזער חלום פאַנגט אויך אָן מקויים צו ווערען. דער פעלקער־פאַרבאַנד, דער וועלט־געריכט, דער פּלאַטען־אָבמאַך צו פאַרקלענערען באוואפענונג, זיינען די ערשטע שטראַלען פון דער נייער עפּאָכע. — נאָך אַ חלום פון דער יעצטיגער צייט איז אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען אַרעמקייט און נויט וועט אָבגעשאַפט ווערען. די ערשטע וואָס האָבען געחלומט דיזען חלום זיינען אויך געוועזן אידען, און אַזוי ווי אונזערע אַלע אידישע חלומות ווערען מקויים, איז בא מיר קיין ספק ניט, אַז דיזער חלום וועט אויך מקויים ווערען.

אַלזאָ, וואָס איך האָב איך געמיינט צו באַווייזען איז, אַז אידעאַליזמוס איז איינע פון די כלי זיין מיט וועלכע אידען האָבען געפאָכטען זייערע גייסטיגע מלחמות פאַר דער ענטוויקלונג פון דער וועלט. — און צו באַ־צייכענען דיזע וואפען האָט די תורה אריינגענומען דעם הדס צווישען די ארבעה מינים. — ווייל דער הדס איז אָנגענומען אין דער גאַנצער וועלט אַלס סימבאָל פון אידעאַליזמוס.

V

די לעצטע פון די ארבעה מינים איז **די ערבה**. — דאָס בלעטעלע פון דער ערבה האָט די פאָרמע פון אַ מויל (וכן אמרו עליה להלכה : „ופיה חלק"). — די פערטע כלי זין, מיט וועלכע אידען האָבען געפירט זייער גייסטיגע מלחמה פאַר דער ענטוויקלונג פון דער וועלט איז די מויל, ד. ה. **דאָס פרייע וואָרט**.

איינער פון די מיטלען דורך וועלכע די דעספּאָטיע און טיראַניי פון מיטעל־אַלטער האָט אויפגעהאַלטען איהר קראַפט איז געוועזן די שטאַרקע צענזוריע וואָס זי האָט אויפגעהאַלטען. זי האָט פאַרשלאָסען די מיילער פון פאָלק ; איין וואָרט איז גענוג געוועזן פאַר אַ מענשען צו פאַרשפּילען זיין לעבען. אָבער דער גרעסטער וואונדער פון דער וועלט איז, אַז די אידישע מויל האָבען זיי קיינמאָל נישט פאַרשלאָסען. — מיר האָבען נאָך היינט ספרים, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרען ביי אידישע מחברים פון יענער צייט און אין וועלכע עס געפינען זיך פרייע אידעען וועגען פּאָליטיקס און וועגען די קריסטליכע רעליגיאָן, וועלכע פּאַסען זיך פאַר דער פרייעסטער לאַנד. מיר זעהען, אַלזאָ, אַז אין דער צייט ווען אַלעמענס מיילער זיינען געווען פאַר־זיגעלט, איז דאָס אידישע מויל געבליבען פריי. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן ? איז דאָס מעגליך, אַז אין יענע פינסטערע צייטען זאָל מען געבען דעם אידען מעהר פּריווילעגיע ווי די קריסטען ? — די ריכטיגע ערקלערונג דאַרויף איז, אַז אידען האָבען שטענדיג געהאַט אַן אייגענע שפּראַך וואָס זייערע אונטער־דריקער האָבען ניט פאַרשטאַנען. אידען האָבען אומעטום אויסגעלערענט די

שפראכען פון די גוים, אָבער די גוים האָבען ניט פארשטאַנען די אידישע שפּראַך; דער איד און דער גוי זיינען געווען אַזוי ווי צוויי מענשען, וועלכע שטעהען נאָהנט איינער צום צווייטען אין אַ פינסטערע נאַכט, נאָר איינער פון זיי שטעהט אין אַ ליכטיגע הויז און דער צווייטער שטעהט אין דרויסען. — איהר האָט געוויס באַמערקט, אַז דער וואָס שטעהט אין דרויסען אין אַ פינסטערע נאַכט קאָן זעהן וואָס עס טהוט זיך אין דער באַלויכטענער הויז, אָבער דער וואָס שטעהט אין דער ליכטיגער הויז קאָן ניט זעהן וואָס עס טהוט זיך אין דרויסען; פאַר זיי איז די וועלט געווען ליכטיג, און פאַר די אידען איז געווען „עולם חשך בעדו", אָבער דערפאַר האָט דער איד געזעהן אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט זעהן אין זייער וועלט, אָבער דער גוי האָט ניט געקענט אריינקוקען טיף אין דער אידישער וועלט, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט פאַר־שטאַנען זייער שפּראַך.

דאָס איז די ערקלעהרונג ווי אַזוי דאָס איז מעגליך געווען אַז אין יענע פינסטערע צייטען האָבען אידען געקענט ריידען וואָס זיי ווילען; ווען ער האָט געוואָלט אויסדריקען זיינע גרעסטען אומגעשטערט, האָט ער זיי אַרויס־געדרעהט אָדער אויסגעשריבען אין זיין אייגענע פאַלקסטימליכע שפּראַך; טאָמער האָט ער זיך נאָך מעהר געוואָלט פאַרבאָרגען אונטער אַ הילע פון מיסטעריעזיטעט, האָט ער זיך באַנוצט מיט זיין ליטעראַרישער שפּראַך, העברעאיש. — ניט פיעלע ווייסען ווי אָבצושאַצען די נוצען וואָס העברעאיש האָט געבראַכט צום אידען פון יענער צייט אין דיזען הינזיכט; קוים האָט אַ איד חושד געווען אַז אַ גוי שטעהט דערביי און פאַרשטעהט אידיש, האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן צום צווייטען אידען: „דער נכרי איז מבין בלשון!" און תוך כדי דיבור האָבען זיי שוין פאָרטגעזעצט זייער שמועס אין העברעאיש, אַ שפּראַך וואָס קיין געוועהנליכער גוי האָט נישט פאַרשטאַנען.

דורך דיזער אייגענטהימליכער שפּראַך, וואָס אידען האָבען שטענדיג געהאַט צווישען זיך, האָבען זיך ביי זיי אַנטוויקעלט פרייע אידעען, וועלכע זיינען געווען פאַרטגעשריטען 300 יאָהר פאָראויס פון זייער צייט, און זיי האָבען געפונען פאַרשידענע וועגען, ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטען דיזע אידעען צווישען די גוים. אין יענע צייטען זיינען אידען געווען כמעט די איינציגע ערצטע (דאָקטוירים) אין יעדער לאַנד, און צוזאַמען מיט זייערע רפואות פאַר „חולי הגוף", האָבען זיי גאַנץ אָפט איינגעגעבען זייערע פּאַציענטען אויך אָביסעל „רפואות הנפש", געגען אָבערגלויבען, טיראַניי, א. ז. וו. — און דאריבער האָט די תורה אריינגענומען די ערבה צווישען די ארבעה מינים, צו באַווייזען אַז איינע פון די כלי זיין וואָס אידען האָבען באַנוצט אין זייער גייסטיגער מלחמה, איז געווען די מויל, ד. ה. דאָס פרייע וואָרט; אַזוי ווי דער נביא האָט געזאָגט: **והכה ארץ בשבט פיו וברוח שפתיו ימית רשע.**

VI

ניט אַלעמאָל האָט מען באַלד געקענט זעהן דעם זיעג פון דעם אידישען פאָלק אין די גייסטיגע מלחמות וואָס זיי האָבען געפירט. פאַרקערט, עס האָט זיך גאַנץ אָפט אויסגעדראַכט, אַז דאָס אידישע פאָלק פאַרלירט. — אין דער מלחמה וואָס זיי האָבען געפירט געגען רוים האָט עס אויסגעזעהן פאַר'ן שיין

פון דער וועלט, אז רוים האט זיי באזיגט און זיי פארטריבען פון זייער לאנד. אבער דער רעזולטאט איז געווען, אז די נידערגעשלאגענע אידען וואס זיינען פארטריבען געווארען אין רוים האבען געטויטעט די געטער פון רוים. — וואס דאס רוב היסטאריקער זיינען פארביי געגאנגען אומבאמערקט איז, אז פון דעם טאג וואס אידען זיינען אנגעקומען אין רוים, האט די געצענדינעסט גענומען אבשטארבען אין יענעם לאנד.

און דאס גלייכען קאן מען אויך זעהן אין דער מלחמה וואס די פאבסטען האבען געפירט געגען דאס אידישע פאלק. — די פאבסטען האבען זיך פשוט געבאדען אין אידיש בלוט; אלע וויילע נייע גזרות; גוים זאלען ניט האנדלען מיט אידען; זיי זאלען זיך ניט לאזען היילען פון אידישע דאקטוירים; קריסטליכע מיידלאך זאלען ניט דינען אין אידישע הייזער, א. ז. וו. — אבער דער סוף איז געווען אז אידען האבען אונטערגעגראבען די ממשלה פון די פאבסטען, ניט אויף א דירעקטען וועג, נאר מיט זייער גייסטיגען איינפלוס פאר ליבעראליזם.

און יעצט קענען מיר גאנץ קלאר פארשטעהן דעם מדרש וואס איך האב אוועקגעשטעלט אלס טעקסט צו דיזען דרוש. — די חכמי התלמוד האבען געוואלט ארויסזאגען דעם זעלבען געדאנק וואס איך האב אייך יעצט ער־קלערט: ערשטענס, אז אין די גייסטיגע מלחמות זיינען אידען געווען די זיעגער געגען דער גאנצער וועלט; און צווייטענס, אז די כלי־זין מיט וועלכע זיי האבען געוואונען דיזע מלחמות זיינען גייסטיגע כלי־זין וואס ווערען אם בעסטען באצייכענט מיט די ארבעה מינים — נעמליך: דער **אתרוג** אויף **אויסדויער**; דער **לולב** אויף **גערעכטיגקייט**; דער **הדס** אויף **אידעאליזם**; די **ערבה** אויף **פרייע שפראך**. נאר אזוי ווי ניט אין אלע צייטען האט מען געקענט זעהן, אז אידען געווינען די גייסטיגע מלחמה; און אין אנדערע צייטען האט זיך גאר אויסגעדוכט אז זיי ווערען געשלאגען, און אט אט ווערען זיי פארניכטעט, — זאגען זיי דארויף דעם „משל לשנים שנכנסו לפני הדיין". — עס איז געווען דער איינפיר אין יענע צייטען, אז ווען צוויי האבען זיך געשלאגען מיט וואפען און געקומען צום ריכטער, האט דער ריכטער אויסגעהערט זייערע טענות, און דער יעניגער וועלכער איז געפונען געווארען שולדיג איז באשטראפט געווארען דאמיט וואס זיינע וואפען זיינען קאנפיסקירט געווארען, ווערענד דער וואס איז געפונען געווארען גערעכט איז איהם ערלויבט געווארען צו נעמען זיינע וואפען מיט זיך — די חז"ל האבען דיזען געזעץ גענומען אלס משל אויף די אייביגע מלחמה בין ישראל לעמים, און זיי האבען געמיינט אזוי צו זאגען: ווי אזוי וועט מען וויסען אז דאס אידישע פאלק האט געזיגט? באחרית הימים וועלען די כלי־זין פון די פעלקער (דער שווערד און דער שפיז) בטל ווערען, אבער די אידישע כלי־זין, וועלכע ווערען באצייכענט דורך די אתרוגים, לולבים, הדסים און ערבות וועלען איבערבלייבען און זיי וועלען א קיום האבען אויף אייביג, און דערפון וועט די גאנצע וועלט וויסען, אז ישראל האט געזיגט. — און דאס איז אויך די אורזאכע וואס מיר טייטלען מיט די ארבעה מינים צו אלע פיר זייטען פון דער וועלט, אנצודייטען אז דער סוף וועט זיין אז אונזערע אידעאליסטישע כלי־זין וועלען באזיגען די גאנצע וועלט.

אבי"ר.

חג הסוכות

דער יום טוב וואָס מיר פייערען יעצט האָט צוויי נעמען: סוכות און חג האסיף; דער טעם פון ביידע נעמען איז ערקלערט אין דער תורה. — סוכות, כי בסוכות הושבתי את בני ישראל וגו׳; חג האָסיף, וחג הסוכות יהיה לך שבעת ימים באספך מגרנך וגו׳. — דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגענומען דעם נאָמען סוכות אלס עיקר; מיר זאָגען ניט אין אונזערע תפילות „חג האסיף הזה“, נאָר „חג הסוכות הזה“. מיר קענען אין דער יעצטיגער צייט ניט פייערען קיין „חג האסיף“, ווייל דער גרעסטער טייל פון אונזער פאָלק איז אָבגעריסען פון דער ערד; אז מען האָט ניט קיין פעלדער און קיין תבואות, קאָן מען ניט פייערען קיין חג האסיף. אָבער די סוכה איז דער אמת׳ער סימבאָל פון אונזער היינטיגען לעבען; **די סוכה איז א שפּיגעל פון גלות.**

I

אין מיין געבורט־שטעטעל האָב איך אמאָל געקענט דוד דעם לאָנד־קרעמער. צוליב זיין אויסזעהן און קליידונג איז ער געווען א ציעל־ברעט פאַר די שפּיצלאך פון אלע קונדסים פון שטעטעל; ער איז געווען א הויכער אויסגעדאַרטער איד; זיינע קליידער זיינען געווען פול מיט פּאַקעטס; ניט וואָס דער שניידער האָט געמאַכט, נאָר וואָס די צייט האָט געמאַכט (אין אנדערע ווערטער, זיינע קליידער זיינען געווען קרוע ובלוע); זיין גאַנג איז געווען איינגעבויגען און די קאָפּ פאָראויס; אפילו ווען ער האָט ניט גע־טראָגען זיין פּאַק, האָט ער געדישעט אזוי ווי ער וואָלט געטראָגען א פּאַק. ווען קונדסים האָבען געהאַט „פּאַן“ מיט איהם, האָט ער קיינמאָל ניט פּראָ־טעסטירט; פאַרקעהרט, ער האָט גוטמוטיג מיטגעלאַכט מיט זיי.

די גרעסטע „פּאַן“ האָבען זיי געהאַט מיט איהם, ווען ער האָט געבויט זיין סוכה. — זיין סוכה איז געווען אנדערש ווי אלע; זי איז געווען געמאַכט כמעט אין גאַנצען פון פּאַפּיר! אז מען האָט איהם געפרעגט די אורזאַך דערפון, האָט ער געגעבען דעם פאָלגענדען ענטפער: „אז מען וואַרפט קליינע שטיינדלאך איז טאַקי בעסער א סוכה פון ברעטער, אָבער אז מען וואַרפט גרויסע שטיינער איז בעסער א סוכה פון פּאַפּיר, ווייל א גרויסער שטיין וואָלט איינגעוואָרפען א סוכה פון ברעטער, אָבער אין א פּאַפּירענעם וואַנד מאַכט ער נאָר א לאָך און געהט דורך, אָבער די וואַנד בלייבט שטעהן!“

און וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען דער ריינער אמת; פון דעם טאָג וואָס ער האָט אויפגעשטעלט זיין סוכה איז זי געוואָרען א ציעל־ברעט צו די שטיינער און העלצער פון אלע גאַסען־אינגלאך, גרויסע און קליינע; עס האָט אויסגעזעהן, אז זי וועט אפילו קיין איינציגען טאָג קיין קיום ניט האָבען, אָבער — מעשה נסים — האָט זי יעדען יאָהר אויסגעהאַלטען דעם גאַנצען יום־טוב. עס איז געוואָרען א שטענדיגער ווערטעל אין שטאָט, ווען מען האָט גערעדט וועגען א זאַך וואָס האָט געהאַלטען ביי פאַרניכטונג און דאָך גע־בליבען גאַנץ, פלעגט מען זאָגען: זי האָט 99 נשמות אזוי ווי דוד דעם לאַנד־קרעמער׳ס סוכה!

II

דוד דער לאַנד־קרעמער איז אַ בילד פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק! אַזוי ווי דוד איז געווען דעם גאַנצען טאָג אויף די פיס, אַזוי איז דער גורל פון דאָס אידישע פאָלק צו זיין אַ וואַנדערער צווישען די פעלקער; אַזוי ווי דוד דער לאַנד־קרעמער האָט אימער אויסגעזעהן ווי ער וואָלט געטראָגען אַ פּאַק, אַזוי דער איד, אפילו אין די פרייע לענדער, זעהט אויס ווי ער וואָלט געטראָגען אויף זיינע פּלייצעס דעם פּאַק פון גלות; ער געהט אויף די פרייע ערד פון אַמעריקא מיט אומזיכערע טריט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געווען אין ספק צי האָט ער אַ רעכט דערצו אָדער ניט. מיר האָבען אַ גוטע אילוסטראַציע פון דעם טאַקי אין דיזען יום־טוב; באַטראַכט נאָר ווי דער איד טראָגט זיין אתרוג און לולב פון זיין הויז אין שוהל; איינגעוויקעלט אין אַ צייטונג אָדער באַהאַלטען אין אַ ספּעציעלע קעסטעלע, אַז קיין בלעטעלע דערפון זאָל זיך ניט ארויסזעהן. ניט חלילה ווייל ער האָט מורא אַז דער לולב זאָל זיך ניט צוקיהלען, אָדער עס זאָל איהם ניט שאַטען קיין בייז אויג, נאָר פשוט די וועלט זאָל דאָס ניט באַמערקען; אָדער ווי ער זאָגט: „למה יאמרו הגוים“... באַטראַכט ווידער ווי די קאַטאָליקען טראָגען דעם לולב אין זייער „איסטער“ (ווען די קריסטען פייערען איסטער באַנוצען זיך די קאַטאָליקען אויך מיט לולבים); זיי טראָגען איהם אָפען און מיט שטאָלץ פאַר דער גאַנצער וועלט — ניט ווייל זיי זיינען מעהר באַגייסטערט פאַר זייער רעליגיאָן ווי דער איד, נאָר ווייל זיי פיהלען זיך פרייע מענשען אין אַ פרייע לאַנד, און דער איד טראָגט מיט זיך דעם פּאַק פון גלות.

נאָר איבערהויפּט געפינט מען אַ פאַרגלייך צו אונזער גלות־לעבען אין דער סוכה וואָס דוד לאַנד־קרעמער האָט אויפגעשטעלט.

פיעלע פון אונזערע גדולים האָבען שוין געפרעגט די פראַגע, וואָרום האָט די תורה געמאַכט אַן אַנדענקען דוקא צו די סוכות, אין וועלכע אידען האָבען געוואוינט אין דער מדבר? וואָרום האָבען זיי ניט געמאַכט קיין אַנדענקען צום מן, צום באר, א. ז. וו.? דער אמת'ער תירוץ איז אַז די תורה האָט נאָר געמאַכט אַ זכר צו אַזעלכע זאַכען, וועלכע וועלען האָבען אַ באַדייטונג אין דער צוקונפט. — צ. ב. ש. די „עקדה“, ווייל די תורה האָט פאָראויסגעזעהן אַז טויזענדע יאָהרען שפּעטער וועט נאָך אויסקומען פאַר אידישע עלטערען מקריב צו זיין זייערע קינדער מיט זייערע אייגענע הענד; די סוכה, ווייל טויזענדע יאָהרען שפּעטער וועלען נאָך אידען מוזען זיין וואַנדערער; און ניט אַזעלכע וואַנדערער ווי די רייכע טוריסטען, וועלכע מאַכען זייער רייזע אין אַ „סליפּינג קאַר“ אָדער אין פּרעכטיגע קאַיוטע, נאָר אָרעמע וואַנדערער אין ביידלאַך, אויסגעזעצט צו די קאַפּריזען פון די עלעמענטען פון דער נאַטור; אָט דאַכט זיך איז דער הימעל קלאָר און די זון שיינט מיט איהרע גאָלדענע שטראַלען. פּלוצלינג ווערט די זון פאַרשוואונדען אונטער אַ דיקען וואָלקען; די הימלען שווארץ ווי טינט; אָט דאַכט זיך שטעהען אונזערע ביידלאַך פעסט אויף אַ זיכערען פּלאַץ; פּלוצלונג קומט אָן אַ שטורם־ווינד און רייסט זיי אָפּ פון זייערע אַנקערס און פאַרוועהט זיי צו אַלע ארבע רוחות השמים! אָט זייגען מיר, דאַכט זיך, רעספּעקטירטע

בירגער פון א פרייע לאנד, די פאנען־טרעגער פון אינדוסטרי און קאמערץ; די זיילען פון וויסענשאפט און ציוויליזאציאן — און פלוצלינג זיינען מיר פארפאלגטע פליכטלינגע וואס קלאפען אין פרעמדע טירען און מען וויל זיי אין ערגעץ ניט אריינלאזען און וועלכע מוזען נעבאך וואהנען אין ביידלאך ווי ציגיינער אויסערן שטאט.

איך ווייס אז פיעלע פון אונזערע אמעריקאנער ברידער ליבען ניט צו הערען דיזע טרויערדיגע זכרונות; זיי זאגען: „מיר זיינען היינט סיטיזענס פון א פרייער לאנד; מיר האבען גלייכע רעכטע מיט די אמת'ע אמעריקא־נער. מיר ווילען פארגעסען יענע פינסטערע צייטען!" — איך גלויב, אז גראדע פאר דיזען קלאס פון אונזער פאלק זיינען אנגעמאסטען די ווערטער פון אונזער הפטרה כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, ד. ה. די יעניגע אידעלאך, וועלכע ריידען זיך איין אז זיי זיינען אזרחים, ד. ה. גלייכע בירגער מיט די איינוואוינער פון זייערע גלות לענדער, „ישבו בסוכות", זאלען זיצען אין סוכות, פיליכט וועט זיי די סוכה דערמאנען אז עס גיבט ניט קיין אבסא־לוטע זיכערהייט פאר דעם אידען אין גלות!

דיזער חלום, אז עס איז מעגליך פאר אונז צו מאכען אן אמת'ע היים אין איינע פון די גלות־לענדער, האט פארבלענדעט די אויגען פון די פריהער־דיגע דורות, אבער יעדען מאל האבען זיי צום סוף אויסגעפונען אז עס איז געווען ניט מעהר ווי א פוסטער איינרייד. די שפאנישע אידען פון אמאל האבען גערופען שפאניען „די נייע ארץ ישראל", ביז טארקוועמאדא איז געקומען און האט געעפענט זייערע אויגען צו זעהען, אז עס איז בלויז געווען א „דירת עראי". — די דייטשע אידען פון א הונדערט יאהר צוריק האבען געדיינקט, אז דייטשלאנד וועט זיין פאר זיי א נייע ארץ ישראל, ביז שטעקער איז געקומען און האט פארוואנדעלט דייטשלאנד אין א נעסט פון אנטי־סעמיטיזמוס. די פראנצויזישע אידען האבען אויסגעפונען דעם זעלבען ביטערען טעות דורך די דרייפוס־קיים. — פיליכט איז דאס דער טעם פון דעם דין: סוכה שחמתה מרובה מצלתה פסולה, ד. ה. א סוכה אין וועלכער די זונענשיין איז שטארקער ווי דער שאטען איז פסול, ווייל די סוכה איז געמיינט געווארען צו סימבאליזירען דעם אידישען לעבען אין די גלות־לענדער, און אין דיזע לענדער איז דער שאטען פיל שטארקער ווי די זונענשיין!

III

וואס פאר א גוטעס קומט ארויס פון אונזער לאנגען וואנדערען? — אונזער וואנדערען איז נויטיג פאר דער ענטוויקלונג פון דער וועלט. — אזוי ווי דוד דער לאנד־קרעמער איז געגאנגען איבער די דערפער און פארקויפט די גוים סחורה, אזוי געהען מיר אויך מגוי אל גוי און פארקויפען צו זיי סחורה — אונזער סחורה איז גייסטיגע סחורה. — אלע הויכע אידעאלען, מיט וועלכע אונזער היינטיגע ציוויליזאציאן שטאלצירט, קומען פון יודענטהום, און פאר קערט, אלע צרות וועלכע באגלייטען אונזער ציוויליזאציאן קומען דערפון, וואס דעם גרעסטען טייל פון אונזער תורה האבען זיי נאך דערוויייל ניט איבערגענומען. אלס בייישפיל מעג דינען די באוואוסטע „דרעד סקאט קיים", וועלכע איז געווען די דירעקטע אורזאך פון בריינגען די בירגער־קריג אין

אמעריקא. ווען דער סופרים קאורט וואָלט דאַן געפּסקנט ווי אונזער תורה האָט געשריבען: „לא תסגיר עבד אל אדוניו", וואָלט ניט פאַרגאָסען געוואָרען דאָס בלוט פון דריי הונדערט טויזענד מענשען.

ישראל איז דער מלמד פון די פעלקער. — די שכר־לימוד וואָס ער קריגט באַשטעהט אין קלעפּ און קללות; אויסער דעם האָבען זיינע תלמידים אַ שלעכטע תפיסה און דאָס לערנען געהט צו זעהר לאַנגזאַם. אָבער דאָך קלעפּט זיך צו זיי עטוואָס צו. און די יעניגע פעלקער וואָס וועלען טאַקי גאָר נישט איבערנעמען פון אונזער תורה, וועלען צום סוף אונטערגעהן. אָבער די וואָס וועלען איבערבלייבען פון זיי וועלען איינזעהן אַז אונזער וואַנדערען אין זייערע לענדער איז געוועזען אַ ברכה פאַר זיי. — דאָס איז וואָס דער נביא האָט געמיינט ווען ער האָט געזאָגט: „והיה כל הנותר מכל הגוים הבאים על ירושלים ועלו מדי שנה בשנה להשתחוות למלך ה' צבאות ולחוג את חג הסוכות". — וואָרום וועלען די פעלקער פייערען דעם חג הסוכות מעהר ווי אַלע ימים טובים? ווייל די סוכה איז דער סימבאָל פון די אידישע וואַנדערונג, און די פעלקער האָבען צו פאַרדאַנקען זייער גאַנצען פּראָגרעס צו די וואַנדערונג פון דאָס אידישע פאָלק!

IV

אָבער אויב אונזער וואַנדערען צווישען די פעלקער איז געוועזען אַ נויטווענדיגקייט צוליב דעם פּראָגרעס פון דער וועלט, וואָס איז געוועזען די נויטיגקייט אַז צו דער זעלבער צייט זאָלען אונז די פעלקער פאַרפאָלגען מיט אַלערליי רדיפות, אונז פאַרשליסען אין געהעטאָס, א. ז. וו.? — דאַרויף געפינען מיר אַן ענטפער אין אַ וואונדערבאַרען מדרש:

> שבעה עננים הקיפו את ישראל במדבר, ארבע עננים מארבע רוחות העולם, שנאמר, יסובבנהו וגו' הענן החמישי היה על ראשיהם לצל שלא יכם שרב ושמש, שנאמר, פרש ענן למסך, הענן הששי היה מאיר להם הדרך, וענן זה היה גם כן משוה להם הדרך וממלא הגומות ומשפיל ההרים, והענן השביעי היה הולך אחר המחנות לאסוף כל הנחשלים.

דיזער מדרש קומט אונז צו ערקלערען אַז עס איז אַ טעות צו דיינקען, אַז די רדיפות און די אָבגעשלאָסענקייט וואָס אידען האָבען דורכגעמאַכט אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער האָבען אונז קיינע נוצען ניט געבראַכט. — ווען ניט יענע רדיפות און אָבגעשלאָסענקייט, וואָלט איהר, מיינע צוהערער, דאָ היינט ניט געזעסען בעפאַר מיר אין דיזער שוהל, און אונזערע פופצעהן מיליאָן ברידער פון דער גאַנצער וועלט וואָלטען ניט געזעסען אין זייערע שוהלען, נאָר אַ טייל פון זיי וואָלטען געווען קאַטאָליקען און אַ טייל פּראָטעסטאַנטען און אַ טייל מחמדאַנער. דער מדרש פאַרגלייכט די רדיפות און אָבגעשלאָסענקייט פון מיטעלאַלטער צו שוואַרצע וואָלקענס, און ער זאָגט אַז דיזע וואָלקענס האָבען אונז באַשיצט אַז מיר זאָלען זיך ניט אָנשטעקען מיט די גייסטיגע טומאה און אונוויסענהייט וואָס האָט געהערשט איבעראַל אין יענע צייטען. — ארבע עננים מארבע רוחות העולם; די פיר ווענט פון דער געהעטאָ האָבען אָבגעשלאָסען די אידישע באַפעלקערונג פון די אונ־

מאַראַליטעט און שמוציגע מעשים פון דער וועלט; די פעלקער האָבען זיך ניט געוואָלט חבר'ן מיט אונז. און דאָס איז געווען אונזער גליק; ווייל פון אַזעלכע חברים ווי זיי זיינען דאַמאָלסט געווען, וואָלטען מיר זיך קיין גוטס ניט אָבגעלערענט.

אום צו געבען אייך אַ קליינע אידעע פון די אויסגעלאסענקייט פון די פעלקער אין יענע צייטען, איז גענוג צו ציטירען די מיינונג פון אַ גרויסען היסטאָריקער אַז די אונהיילבאַרע צרעת („לעפּראָסי") וואָס האָט געוויטהעט אין דער גאַנצער וועלט אין יענע צייטען און די מחנות מצורעים וואָס האָבען זיך ארומגעשלעפּט איבער די פעלדער און וועלדער ארום יעדע שטאָט, איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון די אויסגעלאסענקייט וואָס האָט געהערשט איבעראַל. — אין דיזער הינזיכט מעגען מיר זיך גראַטולירען וואָס זיי האָבען אָבגעשלאָסען אונזערע עלטערען אין באַזונדערע געהעטאָס. זיי האָבען אונז אָבגעשלאָסען פון די שמוץ פון דער וועלט! קיין אידען האָבען זיך ניט געפונען צווישען יענע מצורעים (שאם היה כן היה נשאר לנו זכר מזה בספרי השו"ת של הזמן הנ"ל).

הענן החמישי היה על ראשיהם לצל שלא יכם שרב ושמש. — בילדונג, אויפקלערונג, ציוויליזאַציאָן און פּראָגרעס ווערען אין אַלע שפּראַכען אָנגערופען מיט'ן נאָמען ליכטיגקייט. (אַזוי ווי פּיעלע פון מיינע צוהערער געדיינקען נאָך געוויס די מליצות פון די אַלטע משכילים.) — איינער פון די וואָלקענס וואָס דער גלות האָט אַרויפגעצויגען אויפ'ן אידישען הימעל איז געווען דאָס, וואָס מען האָט זיי אויסגעשלאָסען פון סקוהלס און קאַלעדזשעס, און צוליב דעם זיינען טאַקע די אידען געבליבען הינטערשטעליג אין וועלט-ליכע בילדונג, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער, ביז עס זיינען געקומען **מענדעלסאָן און די „מאספים"** אין דייטשלאַנד, און מאפו און די לעבענסאָנס אין רוסלאַנד, און האָבען אָנגעפאַנגען צו „קלאַפּען אין די לאָדענס" **און וועקען** די אידישע מאַסען צו דעם ליכט פון טאָג (ווי זיי האָבען עס אָנגערופען אויף זייער מליצה-לשון). אָבער אויב עמיצער דענקט, אַז דיזע הינטערשטעליגקייט פון אונזערע עלטערען אין וועלטליכע בילדונג איז געווען אַ גרויסער אומגליק, מאַכט ער אַ טעות. וועלטליכע בילדונג האָט געבראַכט פאַר דער מענשהייט **מאַטעריעלען** פּראָגרעס אויפ'ן חשבון פון זייערע מענשליכע **אידעאַלען און געפיהלען. — דאָס וואָס די וועלט רופט פּראָגרעס,** מיינט אייזענבאַנען, פליה-מאַשינען, דאַמף-שיפען, טעלעגראַפען, טעלעפאָנען, ראַדיאָס א. ז. וו. אָבער עס מיינט ניט באַרמהערציגקייט, סימפּאַטי, אָפּפערוויליגקייט, מיט-געפיהל, ברודערשאַפט, א. ז. וו. דיזע פייכטע קוואַלען פון דעם מענשליכען האַרץ זיינען דוקא אויסגעטריקענט געוואָרען דורך די ברענענדע שטראַלען פון אונזער ציוויליזאַציע. די שטיינערנע געביידעס פון אונזער ציוויליזאַציע האָבען פאַרשטיינערט דאָס מענשליכע האַרץ. — דאָס איז די מיינונג פון אונזערע חכמים ווען זיי האָבען געזאָגט אַז דער פינפטער וואָלקען וואָס איז געווען פאַרצויגען איבער די קעפּ פון די אידען אין גלות האָט געדינט אַלס שאָטען געגען די שטראַלען פון דער זון. — אין אַנדערע ווערטער, דאָס וואָס די פעלקער, צווישען וועלכע זיי האָבען געוואָהנט, האָבען זיי ניט צוגעלאָזען צו געניסען פון פּראָגרעס פון דער וועלט, איז געווען אַ גליק פאַר זיי, ווייל דורך דעם זיינען געבליבען פייכט און פריש אין זייערע הערצער די

אידעאלען און מענשליכע געפיהלען וואס זיי האבען געירשנט פון זייערע אבות און געלערענט פון זייערע אייגענע חכמים.

הענן הששי היה מאיר להם הדרך. — נאך א וואלקען, וועלכער האט פארדעקט דעם אידישען הימעל, איז געוועזן שנאה פון די גלחים און די אנשטרענגונג וואס זיי האבען געמאכט אבצורייסען די אידען פון זייער אמונה, וואס דאס האט גאנץ אפט געפירט צו א „גירוש", אזוי ווי אין שפאניען. — אבער דער געדאנק גופא, אז זיי זיינען זיך מוסר נפש פאר זייער גאט און פאר זייער תורה האט ליכטיג געמאכט זייער וועג ווען זיי האבען זיך געשלעפט אין גלות. און דער זעלבער וואלקען האט אויך גלייך געמאכט זייער וועג. — עס איז ניטא א פאלק וועלכעס איז אזוי דעמאקראטיש ווי דאס אידישע פאלק. און דאס קומט פון זייער לאנגע געוואוינהייט אין גלות; ווען מען האט זיי געטריבען פון לאנד צו לאנד, איז ניט געווען קיין חילוק צווישען ארעם און רייך; געוועזענע מיניסטארען און געלט־מאגנאטען זיינען געגאנגען זייט ביי זייט מיט בעלי מלאכות און זאמד־פירער. — דאס איז די מיינונג פון די ווערטער „והענן הזה היה נ"כ משוה להם את הדרך וממלא הגומות ומשפיל ההרים" — די הויכע בערג זיינען די מאגנאטען פון דער אריסטאקראטיע און די טאלען זיינען די ארימעלייט.

והענן השביעי היה הולך אחר המחנות לאסוף את הנחשלים. — איינע פון די אומפארשטענדליכע זאכען פון יענער צייט איז דער פאקט, אז אפילו די שוועכלינגע וואס זיינען ניט בייגעשטאנען דעם נסיון און האבען אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען זיינען דאמיט ניט געהאלפען געווארען. פארקערט, צוליב זיי איז דאס באשאפען געווארען די אינקוויזיציע (דאס איז דער זיבעטער וואלקען). — און עס וועט ביי אייך פיליכט אויסזעהן מאדנע, ווען איך וועל אייך זאגען אז אין דיזער הינזיכט האט די אינקוויזיציע מיטגעהאלפען צוצוהאלטען דעם יונגען דור צו דער אידישער אמונה. — זעהענדיג אז אפילו שמד וועט זיי ניט העלפען, ניין, עס וועט נאך זייער לאנגע ערגער מאכען דאמיט וואס זיי וועלען אריינפאלען אין די נעגעל פון די אינקוויזיטארען, האבען זיי באשלאסען בעסער צו פארבלייבען אין אידישען לאגער. — דאס איז וואס דער מדרש מיינט מיט די ווערטער: דער זיבעטער וואלקען (די אינקוויזיציע) איז געגאנגען הינטער זיי צוריק־צוברייגען די שוואכע!

ניט אומזיסט האבען אונזערע חכמים געזאגט אז די סוכה (וועלכער איז דער סימבאל פון גלות) איז א זכר צו די ענני כבוד (וועלכע האבען באשיצט דעם אידישען גייסט אין גלות).

ד

דיזע געדאנקען זיינען ניט קיין גאנץ פרעהליכע. דעריבער וועל איך ענדיגען מיין דרוש מיט א פרעהליכערען געדאנק.

מיר האבען אויבען פארגליכען אונזער לאגע צווישען די פעלקער צו דוד דעם לאנד־קרעמער'ס סוכה. — אין איין זאך האט יענע סוכה פארדינט אלעמענס באוואונדערונג, און דאס איז איהר אויסדויער. — ווען דוד האט זיין סוכה געבויט האט מען געדיינקט, אז זי וועט א טאג ניט שטעהן, אבער צום סוף איז זי דורכגעשטאנען דעם גאנצען יום טוב. — פונקט דאס זעלבע

האט פאסירט מיט דאס אידישע פאלק אין גלות. גלייך נאכ'ן חורבן האט די וועלט געדיינקט, אז דאס איז די ענדע פון אידישען פאלק (ווייל קיין פאלק, וועלכעס איז געגאנגען אין גלות, האט נאך ביז דאן ניט באוויזען אויפצוהאלטען איהר נאציאנאליטעט). אבער דאס אידישע פאלק האט באוויזען דעם וואונדער אז עס קאן עקזיסטירען אפילו אין גלות!

דאס איז די מיינונג פון דער תפילה: **הרחמן הוא יקים לנו את סוכת דוד הנופלת.** — וואס איז די מיינונג פון „סוכת דוד"? און ווארום זאגט עס „הנופלת", וואס דאס איז לשון הווה, זי האלט אין פאלען, ווארום שטעהט עס ניט בעסער „אשר נפלה", וועלכע איז געפאלען?

דוד המלך'ס ביאגראפיע איז די זעלבע ווי די היסטאריע פון דאס אידישע פאלק. — אזוי ווי דוד האט געהאט פרעמדע שונאים און אייגענע שונאים (זיינע אייגענע קינדער), אזוי האט אויך דאס אידישע פאלק געהאט אויסווענינע שונאים און אינוועניגסטע שונאים; און אזוי ווי דוד האט זיי אלעמען בייגעקומען און ארויסגעקומען שטארקער ווי בעפאר, אזוי האט אויך דער איד און דאס יודענטהום איבערגעלעבט אלערליי רדיפות פון אויסווענינ און פון אינוועניג און ארויסגעקומען שטארק גייסטיג און קערפערליך. דאס איז די מיינונג פון די ווערטער "סוכת דוד הנופלת", — וועלכע פאלט און פאלט שוין צוויי טויזענד יאהר און שטעהט דאך אויף איהר ארט!

קהלת

דרוש לשבת חוהמ"ס

על הספר קהלת יאמרו החפשים „שלנו הוא", ובכל עת ועונה הם מראים עליו באצבע שהוא סיוע לדבריהם — וכבר הייתי פעם אחד בחבורת אנשים כאלה ונסתבבה השיחה אודות ספרי התנ"ך ואמר אברך אחד בצחוק: „הספר האחד שאני אוהב בכל התנ"ך הוא ספר קהלת — ספר קהלת (אמר) הוא ספר רדיקלי שהתגנב בין אצבעות הפאנאטיקים האלה ולקח את מקומו בין המון ספרי הבל האחרים!" אמרתי לו: צר לי לקחת ממך את הספר האחד והמיוחד שאתה רוצה בו, אבל האמת נתן האמר כי גם ספר זה קדוש יאמר לו; אתם אומרים כי ספר קהלת הוא ספר אפיקורסי, אבל כל העולם יודעים כי הספר הנ"ל הוצרך לעבור תחת ידי אנשי כנסה"ג קודם שנכלל בתוך כתבי הקודש, והיה בידם להסתירו ולכסות את שמו במשאון, ואם רואים אנחנו שאחרי החקירה והדרישה הכבדה שעשו אודות הספר הנ"ל הכניסו אותו בין כתבי הקודש, זהו אות חותך כי הספר הנ"ל אינו ספר רדיקלי.

אדרבה נראה שהדבר להיפך; תחת היות הספר הנ"ל ספר אפיקורסי, אנחנו מוצאים בו את הארגומענט היותר חזק לחיזוק הדת — ואבאר את ההנחה הזאת בקיצור.

ידוע לכולכם כי עדות איש זקן יותר מקובלה מעדות איש בעיר מחמת שהוא מוכן ללכת לעולם האמת וקרוב הדבר שיהיה נזהר יותר שלא לשקר, ועדות איש נוטה למות היא יותר חזקה גם מזה, כידוע בדיני ישראל חוזק

צוואת שכיב מרע וכן בערכאות של עכו"ם מתאמצים לקיים צוואת המת.

ע"פ מה שאמרנו השכל מחייב שהאמונה בחיים הנצחיים והמעשים טובים המביאים לידי עוה"ב היו צריכים להיות נפרצים מאד בתבל, מחמת שכל בני האדם כשמזקינים יודעים שכל עניני העוה"ז הבל, ואבות לבנים מעידים שכל עסקיהם שעסקו בם כל ימי הבלם היו אך הבל ורעות רוח ורק דבר ה' יקום לעולם.

אבל זה רעה חולה בעולם, שכל אחד לעצמו עסק אך בעסק אחד או שנים, ולכן אע"פ שמוצא שהעסק שעסק בו היה הבל, מכל מקום כח דמיונו מצייר לפניו העסקים של בני אדם אחרים בצבעים מזהירים, ומאמין שהעסקים האחרים היו באמת טובים וראוים להתעסק בהם — ולכן כמה פעמים תשמע איש זקן אומר: „אבוי! מי יחזור לי את ימי עלומי ואז הייתי חי חיים שונים לגמרי" — ומה כוונתו? פשוט! אם היה איש רודף אחרי תענוגים הוא אומר: לו יכולתי להתחיל את ימי חיי מחדש הייתי קובץ על יד ומאסף ממון; אם היה להיפך קמצן שלא השליטו אלהים לאכול מעשרו, הוא אומר: „לו יכולתי להתחיל את חיי מחודש הייתי נהנה מעמלי"; וכן אם עסק בקרקעות הוא אומר: עתה מצאתי שזה הבל אבל אם יכולתי לחיות מחדש הייתי חנווני, או להיפך. — והסיבה הזאת גורמת שהדור החדש לא יתן לב אל דבריהם כלל כי הבן אומר: „אמת הדבר שאבי אומר שכלה את ימיו בהבל מחמת שהוא בעצמו מודה שטעה בחשבונו של עולם אבל אני אחיה חיים אחרים לגמרי!"

פתאם בא איש לתבל שהיה לו ההזדמנות לנסות את כל עסקי העולם הזה, **שלמה המלך**, ראשית היה טבעו לדרוש ולחקור ולנסות את כל עניני העולם (הלא תראה שבאשר שאל אותו אלהים במה חפץ יותר בעושר או חכמה בחר בחכמה), ושנית היה עשיר גדול, בימיו היה הכסף נתון בחוצות ירושלים כאבנים. שלישית היה מלך אדיר ומליונים של ב"א ממלאים אפילו קרץ אחד מעיניו — ושלמה זה באמת נסה את כל עסקי העולם ובימי זקנתו מצא שכולם הבל ורעות רוח, ולכן חשב לו לחובה לרשום את מקרי חייו על ספר למען יראה כל אחד מבני האדם שלא אך העסק שהוא עסק בו הבל הוא, אלא שהכל הבל ורעות רוח (כמו שמספרים על קונדס אחד שהשליך מלתחה ריקה בין חבורת גנבים שהסכימו לחלק ביניהם את כל השלל וכשמצא אחד מהם את המלתחה הריקה חשב שאחד מריעיו הגנבים מצא אותה מלאה ולקח את הכסף לעצמו והשליך את המלתחה, ולכן פרצה מלחמה נוראה ביניהם, זה אומר הכסף בידך, וזה אומר הכסף בידך, אבל באמת לא היה כסף ביד שום אחד מהם, כן הענין הזה, כל אחד מאתנו חושב שעסקי חברו טובים אבל באמת כולם טועים). ולכן אמר מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול, ולא אמר שעמל, משום שרצה לומר: אפילו העסקים שהיה עוסק בהם עתה אם היה הדבר בידו להתחיל מחדש (די געשעפטען וואס ער וואָלט געטאָן) גם בהם אין יתרון (בענעפיט) כלל.

ראשית כל נסה את החכמה — החכמה היא החקירה על מה שאחר הטבע הנקראת **פילוסופיה**, והיא חקירה על האלהות, על מה ובמה ומתי ובאיזה אופן נברא העולם; מה היא הנשמה, מאיזה חומר נוצרה; מה יהיה ממנה אחרי המות וכו' — אם אמר איזה איש בשנים קדמוניות על

החקירות האלו שהם הבל ורעות רוח היו חושבים אותו לעובר בטל, מחמת שבימים האלו חשבו את הפילוסופיה להענין היותר נכבד בעולם ואת העוסקים בה, כגון אריסטו, סאקראטעס, פלאטא וכו', לאנשים החסרים מעט מאלהים — אבל ראה זה פלא כי בימינו אלו באו החכמים לידי מסקנא כי צדק שלמה המלך באמרו שמצא את הפילוסופיה הבל ורעות רוח (פיטערן דעם ווינד) — דזשארדזש הענרי לואים כתב ספר רב הכמות בשם תולדות הפילוסופיה אשר בו מספר את כל תולדות הפילוסופיה מראשיתה עד היום הזה ומוכיח כי לא הביאה כל תועלת, לא תיקנה שום מעוות ולא הביאה צרי לשום מכה — והפלא היותר גדול מכולם הוא כי האנשים שהיו הראשונים להתבונן על ההבל שבפילוסופיה היו האכרים הפשוטים — מספרים כי פעטער הגדול מלך רוסיא שלח את המלומד היותר גדול בדורו לאמאנאסאף שיעשה נסיעה בין האיכרים ויאיר עיניהם בגודל נחיצת החכמה. בא לכפר הראשון ונתאספו סביביו כל אנשי הכפר כובעיהם בידיהם ביראת הכבוד — נגש אליו כפרי אחד ואמר אדוני החכם הושיעה נא, יש לי ריחים של מים שירשתי מאבי, וכל אבותי ואבות אבותי התפרנסו מריחים זו — פתאם בלי סבה נודעת חרב היאור שהניע את אופני הריחים שלי ועמדו מלכת ועתה אנחנו כלנו גוועים ברעב. אמר לו החכם הדבר הזה אין בכחי לעשות, משום שאין לאיל יד התכמה לברא מים. נגש איש שני ואמר: אנא אדוני החכם הושיעה נא! — האביב היה אביב חם ודמיתי כי הנה הקיץ בא וזרעתי את גני בזרעונים שונים, והנה שב החורף ויהי הכפור על הארץ שני שבועות ויגליד את כל זרעוני ויחריב את גני! — ענה החכם, את זאת לא אוכל לעשות; אם אתה מעית וזרעת את גנך בחורף אנכי לא אוכל להציל את זרעוניך! — אז צחקו כל האיכרים צחוק גדול על החכם הנ"ל ואמרו: „אם חסרון מים לא תוכל למלאות ומעות כיון שנעשה לא תוכל לתקן אותו, א"כ איה חכמתך?" — לאמאנאסאף היה חם מאד על כבוד החכמה שלא תחולל ולכן ענה, אמת כי את הדברים האלו לא אוכל לעשות אבל אני יודע את מספר צבא השמים ואופן סדורם וכו' וכו' — אבל על דברו זאת הרבו הכפרים לצחק עוד יותר מבראשונה, אמרו: „א"כ שחכם אתה כ"כ עד שתדע דברים הנעשים בשמים מדוע לא תוכל לעשות דברים קלים כאלה שבקשנו ממך?" — לאמאנאסאף מספר זה להראות את סיכלות האיכרים אבל שלמה המלך עומד על צד הכפרים ואמר שבאמת הצדק היה אתם — מה טובה של החכמה, אם מעוות (טעות) לא תוכל לתקון, ואם חסרון (כמו חסרון המים בריחים) לי תוכל להמנות (גוט מאכען) — ואם תאמר שהחכמה תגיד לאדם מכל הנעשה בשמים, על זה אומר לך, כי ברוב חכמה רוב כעס (ר"ל כל שתגדל החכמה בדברים הנוגעים לשמים כן ירבה הכעס על שלא תוכל לעשות דברים קלים בעד תועלת האדם על הארץ) ויוסיף דעת יוסיף מכאוב (כל עוד שיוסיף דעת כן תרבה המכאוב (הארץ ווייטיג) על שלא תוכל לעשות דברים קטנים כמו לרפא חולים, למנוע מות וכו' וכו'.)

בראות שלמה את זאת גמר לנסות את החכמה העוסקת בהמצאות חדשות (applied sciences) וינס את ידיו להיות ממציא (ערפינדער), אבל מצא אחר כל עמלו, שמה שהיה הוא שיהיה ומה שנעשה הוא שיעשה ואין כל חדש תחת השמש. אנשים פשוטים חושבים שטעות

גדול טעה שלמה באמרו שאין כל חדש תחת השמש, ומה תאמר על מכונות הקיטור והאלקטרון, על האווירונים ועל התלגרף והתלפון והרדיה וכו', — אבל כל המלומדים מעידים כדברי שלמה שבאמת אין כל חדש תחת השמש; ר"ל שאין בכח איזה אדם לברא דבר חדש יש מאין אפילו גרגיר חול אחד, אבל כל המצאותיו הם אופני הרכבה להרכיב את החומרים שכבר נמצאים בעולם ולעשות מהם דברים שנראים כחדשים. למשל עלעקטריציטעט כבר נמצא בעולם מעת הברואו אבל האדם המציא אופנים איך להשתמש בה לעשות מלאכה בעד טובת האדם — ואולי תאמרו: לו יהי כדבריך, אבל ההרכבה הזאת דבר חדש הוא; גם בזה טעיתם — המלומדים האחרונים מצאו ע"י חפירות (אויסגראבונגען) בבטן האדמה שכבר היו ישובים רבים של בני אדם בעולם וחרבו ע"י סבות שונות, כמו מבול, רעידת אדמה וכדומה, (וזה מסכים עם דברי חז"ל שהקב"ה היה בונה עולמות ומחריבם) — וכל עולם ועולם הגיע למדרגה גבוה של ציוויליזאציאן והיה להם כל ההמצאות שיש לנו ורבים שלא הגענו עוד עליהם; השיטה הזאת היא האחרונה שבאחרונות ובכל זאת ידע ממנה שלמה כעדות הכתוב: יש דבר שיאמר עליו ראה זה חדש היא (אבל באמת) כבר היה לעולמים אשר היה מלפננו (תתבוננו שאמר לעולמים ולא אמר בעולם להורות שכוונתו על העולמים שהיו וחרבו); ואם תאמר, היתכן שאם היה באיזה זמן ציוויליזאציע שלא ישאר לנו שום זכר מהם שער בעצמך את הציוויליזאציה שלנו היתכן שלא ישאר ממנו חתיכת ניר, אופן, מכונה וכו'. בתור מענה לזה אומר שלמה: אין זכרון לראשונים וגם לאחרונים שיהיו לא יהיה להם זכרון עם שיהיו לאחרונה.

אחרי כן אמר שלמה לנסות את העושר — הגדלתי את מעשי, בניתי לי בתים, נטעתי לי כרמים, עשיתי גנות ופרדסים וכו', עשיתי לי ברכות מים וכו', קניתי עבדים ושפחות וכו' גם כסף וזהב כנסתי לי וכו' וסגולות מלכים וכו', אבל אחרי שהשיג את כל אלה מצא שאוהב כסף לא ישבע כסף, (לכאורה הכסף השני מיותר, שכן סגנון כל לשון לבלי החזיר את המלה פעמים והיצ"ל אוהב כסף לא ישבע אותו או בו), אבל ביאור הכתוב הנ"ל הוא שונה לגמרי ממה שמבארים אותו העולם — האגדה מספרת על עשיר אחד שנכנס פעם אחד לאוצרו להתבונן על הכסף וזהב ואבנים טובות שכנס, הוא סגר את הדלת אחריו ויניח את המפתח באיזה מקום והתחיל להתבונן ברכושו, אחרי אשר שהה באוצרו שעה או שעתים רצה לעזוב אותו ולשוב אל ביתו, אבל לא מצא את המפתח, חפש אותו בכל צלחת שבבגדיו ולא מצא; צעק בכל כחו ואין שומע לו; נסה לשבור הדלת ולא יכול, וסופו היה שמת ברעב בתוך כל הכסף והזהב שהיה לו — וכעין רמז על האגדה הזאת אמר שלמה: „אוהב כסף לא ישבע כסף" ר"ל לא יוכל להשביע את רעבונו בכסף הזה; לזה צריך לחם ומים מה שיש אפילו לעני שבאביונים וא"כ איזה תועלת יצא לי מכל הכסף שכנסתי? — אבל אולי תאמרו שבכל זאת יש תועלת רב בכסף והוא לקובצו ולשמרו ליום רעה (rainy day) כמו חולי ר"ל, או חוסר עבודה וכו', זאת היא באמת טענה חזקה, אבל אם תתבונן על איש כזה הקובץ ליום רעה תראה שבאמת תבוא עליו הרעה הנ"ל ויאבד את ממונו בענין הנ"ל, ידאג כל ימיו הנשארים על הרעה הזאת שבאה עליו והוצרך להוציא את כל ממונו עליה ואין בידו

מאומה להשאיר לבניו! ואם תשאלהו: הלא אמרת כל ימיך שאתה קובץ על יד ליום רעה ועתה הנה באה הרעה ולמה תתאונן? לא תמצא בפיו מענה. וזהו שאמר שלמה אתם טוענים שיש תועלת בעושר והוא לשמרו ליום רעה, גם אני מודה בזה, „יש רעה (צרה) חולה (או חולאת) תחת השמש", אבל ראה זה פלא ראיתי „עושר שמור לבעליו לרעתו (ליום רעה) ואבד העושר ההוא בענין רע (כלומר הענין הרע שהכין את עצמו לביאתו, בא לו) ובכל זאת יתאונן כל ימי חייו הנשארים „והוליד בן ואין בידו מאומה" (כלומר שלא נשאר בידיו מאומה להוריש לבניו).

ואולי תאמרו אחרי ככלות הכל יש תועלת בעושר אפילו לדברים רוחניים כי תוכל לעשות בו צדקות ולקנות בו מעשים טובים המביאים לידי חיי העוה"ב — אבל דא עקא שרוב בני אדם אינם מוציאים את ממונם לדברים אלו — אם היו רואים בעיניהם שבעת שמשימים אדם בקבר משימים את העוה"ב בידיו להוליכו לעולם האמת, למען יכניסוהו בעבור זה לג"ע, אז היו כולם מוציאים את ממונם על דברים כאלו — אבל הם רואים בעיני בשר להיפך „כאשר יצא מבטן אמו ערום ישוב ללכת כשבא **ומאומה לא ישא בעמלו שיולך בידו** וכו' ומה יתרון לו שיעמול **לרוח**? (על דברים רוחניים).

אז אמר שלמה להשקיע את עצמו בתענוגי העולם הזה — „הנה אשר ראיתי אני טוב אשר יפה לאכול ולשתות וכו' גם כל האדם אשר נתן לו אלהים עושר ונכסים והשליטו לאכול ממנו וכו' זה מתת אלהים היא", אבל במשך זמן קצר מצא „כל עמל האדם לפיהו גם נפשו לא תמלא" (נימ נאָר טהוט ער גאָר נישט פאר דער וועלט נאָר אפילו ביי זיך אין הארצען פיהלט ער אויך ניט גליקליך און צופריעדען) כידוע — אז אמר שלמה להשקיע את עצמו באהבת נשים, אבל אחרי נסותו גם זאת אמר: ומוצא אני את האשה **מר ממות** — מחמת שהמות לא יבוא לאדם אלא פעם אחת בחייו — אבל כשמוצא אשה אחת מרה כמות, אמר בלבו שאך האשה הזאת כן אבל נשים אחרות טובות ממנה לכן הוא מנסה פעמים רבות — שלמה נסה אלף פעמים ולכן טעם טעם מיתה אלף פעמים!

אז אמר שלמה להיות מנצח גדול כמו אלעקסאנדער מוקדון, האניבאל, נאפאָליון וכו', אבל מצא לדאבון לבו „שבתי וראיתי תחת השמש כי לא לקלים המרוץ ולא לגבורים המלחמה" (לכאורה היצ"ל לא לקלים **הנצחון** במרוץ ולא לגבורים **הנצחון** במלחמה, כי המרוץ או המלחמה בעצמה יוכלו לעשות בכל עת שירצו) אבל הביאור הוא שונה לגמרי ממה שמבארים העולם — תתבוננו בתולדות דהי"מ שהגבורים כמו אלכסנדר מוקדון, נאפאליון וכו' — אהבו את המלחמה לא בעד תכלית כמו כבישת ארצות וכו' אלא אהבו את המלחמה עצמה, כידוע מנאפאליון שמפלתו באה לו מחמת שלא היה יכול לישב בשלוה, היום עשה מלחמה על פרוסיא למחר על רוססיא וכו' וכו', אבל זה רעה חולה כי בעת שיתודע איזה מלך לכל העולם שהוא גבור מאין כמהו אז לא ימצא לו בעלי ריב; שכל העולם יראו לעשות עליו מלחמה, ולכן התאונן שלמה שאחרי שקבץ לו חיל גדול וכו' התבונן שלא לקלים **המרוץ** (איש נודע לקל ברגליו לא ימצא מתחרים אתו ולא יהיה לו ההזדמנות לרוץ), ולא לגבורים **המלחמה** כנ"ל.

אז אמר שלמה שאם לא יכול להשביע את נפש עצמו לכהפ"ח יאסוף

עושר רב להניח לבניו — אבל מצא שבכל בניו אין גם אחד, ואפילו רחבעם הטוב שבבניו מעיד עליו הכתוב שעשה הרע בעיני ד'; כאשר נראה אפילו בזמננו שהבנים המתגדלים בבית הורים עשירים מאד לא יצלחו לכל — ראינו הרבה נערים כאלה שבזבזו את כל העושר שירשו מאביהם בזמן קצר ואח"כ חזרו על הפתחים.

אז אמר שלמה שהאושר האמיתי יוכל למצא בקניית שם טוב בין בני האדם: **טוב שם משמן טוב** וכו' (ואיך ישיג שם טוב בין הבריות?) **טוב ללכת אל בית האבל** (כלומר שילך לנחם אבלים, ואז יאמרו עליו שהוא טוב לב). **טוב לשמוע גערת חכם** (שילך אל ביהמ"ד לשמוע מוסר המוכיח). **טוב אחרית דבר מראשיתו** (טוב לחשוב בעד אחרית האדם יותר מילדותו). **טוב ארך רוח מגבה רוח** וכו' — אבל אחרי כל אלה מצא שטעה לא בצדקות תוכל לקנות לך שם טוב בין הבריות. הצדיק אינו יחסן כלל בין הבריות — **יש צדיק אובד בצדקו ויש רשע מאריך ברשעתו**. וכן להלן קורא במר נפשו: **אל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר למה תשומם** (ווארום זאלסטו בלייבען וויסט און עלענד), שכן דרך העולם לעזוב את הצדיק בודד ומשומם לנפשו.

אז אמר שלמה שאין טוב לאדם כי אם לתת צדקה לעניים: **שלח לחמך על פני המים כי ברוב ימים תמצאנו; תן חלק לשבעה (עניים) וגם לשמונה**, וכו' — וכדי להושיע לכל עני ונכה רוח הנמצא בעיר מלכותו, שלח מרגלים חרש בכל העיר למצא את מספר העניים, ומצאו שמספר האביונים הנצרכים לשלחן אחרים עלה לחמש מאות — מה עשה? יחד חדר גדול בהיכלו והעמיד בו שלחנות והכין מקומות לחמש מאות איש; ואח"כ הוציא מודעות בכל העיר שיתאספו העניים — והנה ראה זה פלא שהתאספו חמשת אלפים איש! — אז אמר: בודאי עשו המרגלים טעות גדול, ובאמת יש חמשת אלפים אביונים בירושלים — מה עשה? הכין בעד חמשת אלפים! אבל להשתוממותו מצא שבאו עשרת אלפים איש! — אז ראה שלמה ש„ברבות הטובה (וואס מעהר גוטע זאכען ער האט אנגעגרייט) רבו אוכליה", וא"כ כולם רמאים, ומה יתרון לחלק צדקה לאנשים כאלה?

אז אמר שלמה להיות מחבר — ובאמת חושבים כל העולם שטוב מאד חלק המחבר, כי מלבד הכסף הרב שהוא משיג בעד ספרו עוד ינחיל כבוד מלא חפנים, כי אנחנו רואים אנשים מתפארים אפילו באבות אבותיהם שחיברו ספרים — אבל הנה פגשתי מחבר לפני זמן קצר ושאלתי אותו על מצבו, וענה בצחוק מר: „גויים זאלען זיין מחברים! ערשטענס ווייסט איהר דאך אז אויב א מחבר וויל לויז ווערען פון זיינע ספרים דארף ער גיין פעדלען מיט זיי אין די שאפס, אין די הייזער וכו' וכו' — דער ענטפער איז געוועהנליך: „עס איז גאר קיין סוף ניטא צו די מחברים! אפשר 12 מחברים האבען זיך היינט איבערגעקעהרט! זעהט אוים אזוי ווי גאנץ ניו יארק זיינען געווארען מחברים! — טאמער פארקויף איך יא א ספר, זעה איך נאכדעם ווי עס קלייבען זיך צוזאמען די קלוירקס מיט די שכנים וואס קאנען עפעס אריינקוקען אין די שווארצע פינטעלאך און מאכען לצנות פון ספר!" — זאג איך צום מחבר: „אבער דערפאר האט איהר דעם נחת רוח אז אייער ארבייט איז אין רוחניות" — זאגט ער: „אפילו

דאָס גלויבט מיר די וועלט אויך ניט, זיי זאָגען דאָס איז אַ ביזנעס ווי אַלע ביזנעס — איינער פאַרקויפט אתרוגים אויף אַ פושקאַרט און דער צווייטער ספרים!" — שלמה המלך כשהיה למחבר לא רצה להודיע לכל העולם מי הוא המחבר (מפני שידע שאז היו מפליאים אותו למצא חן בעיניו, והיו הכל קופצים על ספרו) — מה עשה? התחפש בשם „קהלת" ואז נתודע לו חלק המחבר בעולם — וכאשר ראה זאת קבע את בניו סביבותיו ואמר להם: **ויותר מהמה** (ר"ל יותר מכל ההבלים האחרים שמניתי) **בני הזהר עשות ספרים הרבה**, מפני שראשית כל יאמרו הבריות "אין קץ" (להמחברים), שנית, **ולעג הרבה** (אם יקנו ממך ספר ילעגו עליו) — וגם לא יאמינו לך שעבודתך היתה יגיעת רוח, אלא יאמרו שהיתה **יגיעת בשר** (אַ מאַני־מייקינג סקים).

אחר שנסה שלמה את כל עסקי העולם הזה אחד אחד ומצא שלא הניחו את רוחו, ולא הביאו לו את האושר המקווה, בא לידי המסקנא: **סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם**, כלומר, כי בסוף חייו כל אדם מודה בזה — כשהאדם מרגיש שהוא שוכב על המטה שממנה לא ירד, והגיע העת לצוות על ביתו, אינו מצוה את בניו שיאכלו מחמדים וישתו ממתקים או שישתדלו לאסוף כחול ממון, אלא מזהיר אותם על דברי אמונה, וזה עושה כל האדם — וגם החרטה שמתחרט על ההבלים שעסק בהם כל ימי חייו, **גם זה כל האדם**, **כלומר כל האדם מתחרט כמוהו.**

הוא אשר דברתי לכם בראש הדרוש הזה שספר קהלת, תחת היותו ספר רדיקלי, הוא באמת מודעה רבה לחיזוק הדת.

to lend a helping hand to Jewish institutions which are in need of help, etc. In a word there is plenty of work to do in the vineyard of the Lord; let each one of you do what is most congenial to his nature.

And may the Lord God of Israel grant you good health and prosperity so that you may be able to carry your good resolutions into effect. Amen.

the prophet Jeremiah because he foretold the destruction of the temple and the loss of Jewish independence. But who do you think is a more reliable physician, he who tells the truth about the condition of the patient and indicates the true course for his recovery or he who calls a serious disease a slight indisposition and prescribes nothing because he wishes to avoid giving pain? I choose the way of the former and I call to my fellow Jews of this country to draw nearer to God if they wish to preserve for themselves and for their children this latest and best place of refuge they have found throughout their long dispersion. The liberties of other nations are guaranteed by constitutions and law-books; our liberties are guaranteed by the observance of the Torah. Let us keep this fact well in mind.

VII.

You may perhaps say that my exhortation so far has been vague. "Tell us what is wanted of us and we shall do it!" But this I cannot do. I have purposely refrained from giving any specific formula because תשובה (repentance) is a thing which the patient himself knows better than any outside counselor. You will notice that when God sent Jonah to exhort the people of Nineveh to repentance he did not specify their guilt nor did he indicate what he desired them to do to regain His favor. He only said: קום לך אל נגוה העיר הגדולה וקרא עליה כי עלתה רעתם לפני (Arise and go into Nineveh the great city and proclaim against her, for her wickedness is come up before me); neither did he specify what they were supposed to do to regain His favor; because sin, like disease, requires separate treatment for each individual case.

In the same way I say to you today in general terms: Draw nearer to Judaism! There are many ways of doing it; one way is to become a more frequent visitor in the house of God; another way is to give your children a Jewish education if you have not done so hitherto; another way is to acquaint yourself with the history and traditions of your people and to take an active interest in them; another way is

Turn the pages of the history of our people in the last century and you will find the true interpretation of this parable. During the last century a wave of "liberalism to the Jew" swept all Europe, and like Jonah's gourd offered protection and shelter to the bruised and broken remnant of Israel. But hardly had Israel breathed the first breath of freedom than he cut himself entirely loose from the God of his fathers and from his ancient heritage. Then when he already flattered himself that he had become part and parcel of the Gentile world, suddenly there arose the worm named *Anti-Semitism* and struck at the gourd named *Liberalism* so that it withered in a day. Jewish safety and Jewish confidence in the brotherhood of men vanished like the קיקיון דיונה

Shall not our long experience of the past serve as a warning for us in the present?

The entire history of Israel is made up of three parts which are excellently illustrated by the story of Jonah.

1. Israel sinned and God cast him into a sea of troubles (as foretold in the תוכחה)
2. Israel turned back to the Lord and said: עברי אנכי ואת אלהי השמים אני ירא.
3. God prepared a big fish, viz., some liberal nation, to give him shelter.

But when Israel found himself again comfortably settled, he again strayed away from the Lord, and then was the same process repeated over and over again. Is it not about time to steer clear from this endless labyrinth in which we have wandered for so many centuries?

VI.

I am well aware that many of our brethren in this country do not like to be reminded of the tribulations of our past or to be warned against them in the future. They call all those who speak to them in this strain "Prophets of Evil" but this does not stop any one who is a true friend of his people. So the ancient Hebrew king Ahab threw the prophet Michaiah Ben Yemla into prison because the latter warned him that he would be defeated in battle; so did King Zedekiah torment

in one of the so-called free countries, we are in danger of being cast out again if we do not fulfil the word of God.

IV.

This lesson is especially valuable for those Jews of our country, who have entirely thrown off teh yoke of the Torah, who have exiled Judaism from their homes, who have brought up children without telling them of their great spiritual heritage. The story of Jonah may serve to them as a warning that it takes two to break a contract; you may be willing to break your Covenant with God but He is not willing, and if you do not of your own free will live up to the terms of this Covenant, He stands ready to bring you to terms, as the prophet Ezekiel said: חי אני נאום ה׳ אלהים אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם (יחזקאל כ׳, ל״ג) To those of our brethren who feel themselves firmly entrenched, with rights and privileges guaranteed by Constitution and government, the story of Jonah is of special significance. It comes to remind them that the same big fish which God had in readiness to take them in is also ready to cast them out whenever God gives the word. The Jews of Spain at the end of the fifteenth century thought themselves just as secure as we of the United States think ourselves today, but when they became thoroughly commercialized and materialized and forgot their holy mission, God gave the word and the whale cast them out.

V.

To emphasize the warning still further, the story of *Jonah and the Gourd* was appended at the end of the book.

The sun was casting its burning rays on the head of Jonah so that he was much weakened and distressed. Just then God caused a gourd to spring up by his side to shelter him in the cooling shade of its broad leaves. But the next day a worm rose up and struck at the root of the gourd so that it withered and faded away, and the sun beat again on the head of Jonah until he became faint and he prayed for death to free him from his suffering.

II.

But Jonah, who went into all that trouble to flee from the unpleasant task of carrying out the mission entrusted to him by the Lord, did not escape it after all; for after a lapse of three days the whale cast him forth upon the dry land and he was forced to carry God's message to Nineveh. Would it not have been much better for him to have done so in the beginning and to have saved himself all this terrible experience? No doubt Jonah himself saw in the end the error of his ways and was heartily ashamed of them.

In the same way Israel who refused to carry out the mission of the Lord to be the light of the world but chose rather to embark for Tarshish (the center of the world's commerce) did not thereby escape his destiny. Just as the whale who gave Jonah shelter cast him out again, so we find also in the records of our history in exile that every country which took us in and gave us shelter when we were on the point of drowning cast us forth again as soon as we had become faithless to our mission, so that at short intervals we were forced to lift up our eyes to God. Would it not have been better for us if we had never fled from the presence of God and saved ourselves all this terrible experience?

III.

This is why the book of Jonah had been chosen to be read in the synagogue on the holiest of days, the Day of Atonement. The sages of Israel desired to reach especially those Jews who had strayed farthest away from Judaism. Being aware that only for one single day of the entire year is it possible to gain and to hold the attention of the mass of our people, and seeing that the day is short היום יפנה השמש יבא ויפנה they cast about for an effective lesson and one that may not be so easily forgotten. At last they chose the story of Jonah as one most likely to bring home to those who have strayed far away from the fold that the destiny of Israel is not money-making alone but also and chiefly to lead the world in Idealism, Justice and Righteousness, and that if we do not voluntarily return to our rightful calling, a sea of troubles is ready to engulf us, and that even if we find momentary shelter

Later when the tempest broke loose and threatened the safety of the ship, and when the passengers thereof cast lots to find out for whose sake this evil came upon them, *the lot fell upon poor Jonah!* Like a faithful mirror this reflects the fate of Israel among the nations. Throughout the story of our exile, whenever some evil came upon one of the countries of our adoption and the rulers thereof began casting about for a scape-goat upon whom to place the blame, *the lot always fell upon the Jew!* Was it revolution? The Jew had fomented it! Was it defeat in war? The Jew had caused it! In one country they even tried to place the blame for an earthquake on the shoulders of the Jew.

When Jonah beheld the storm that broke forth upon the sea on his account, he said calmly: שאוני והטילוני אלהים *"Take me and cast me into the sea!"* These words remind us of the spirit of self-immolation with which our ancestors have faced death whenever martyrdom has been forced upon them. *"Take me and cast me forth into the sea!"* said Jonah — *"Take me and cast me into the fire!"* said the Jew to the Spanish inquisitors who sought to rob him of his faith.

When the worst came upon Jonah, however, and he was cast into the sea, a miracle happened. God prepared a huge fish which received him into its own self for shelter. This illustrates a certain historical fact which has escaped the notice of the world, but which is in reality one of the greatest wonders of history, viz., that whenever the Jew was expelled from one country, and it seemed as though his end was near, some other place of refuge was immediately found ready to take him in! When he was driven out of France, England opened its doors to him; when England in its turn drove him out, Germany took him in. The greatest calamity that ever befell our nation was when Spain expelled almost a million Jews in one day; but in the same year a new continent was discovered which was destined to offer them the most hospitable asylum in the whole course of their dispersion. In the same year that the Spanish King and Queen planned the destruction of Israel in such a cruel manner, another Spaniard discovered America, which up to our day took in all victims of persecution from all the four corners of the world and treated them like her own children. This miracle of our history is symbolized by the great whale which the Lord kept in readiness to swallow Jonah when he was cast into the sea.

and others seeking to prove that it is possible to live in the belly of a large fish a considerable time. We, however, shall not enter into the subleties of this endless controversy which has never yet benefitted anybody.

In my opinion the story of Jonah was never intended to be taken as a historical fact. I see in it a beautiful fable which is a perfect illustration of the story of Israel among the nations.

The mission of Jonah to the people of Nineveh is none other than the mission of Israel to implant the God-idea among the nations of the earth[1]; as the prophet said:
ובנו ממך חרבות עולם מוסדי דור ודור תקומם : וקורא לך גודר פרץ משובב נתיבות לשבת (הפטרה ליו"כ). וכן : אני ה' קראתיך וגו' לאור גוים וגו' לפקוח עינים עורות להוציא ממסגר אסיר (ישעיה מ"ב).

But Israel fled from the presence of the Lord; in other words, he refused to carry out the mission entrusted to him, and then began the list of his troubles, which are ingeniously related in the book of Jonah.

The big ship into which Jonah went down is the wide world into which Israel was exiled when he lost his independence. In that big ship (the world) there is room for hundreds of different nations and races, white, black, brown and yellow; all of them disport themselves to their hearts' desire on the deck of the ship and have the right to occupy the best cabins of the vessel. Not so Israel (or as he is known in our book by the name of Jonah); he must lie down בירכתי האניה *in a corner of the ship.*

One might think that he is a beggar, a non-paying passenger, in other words, that the Jew does not contribute anything useful to the land of his adoption; but the book of Jonah testifies: ויתן שכרה וירד בה ***he paid his fare*** when he went down into it. Wherever the Jew happens to dwell, he contributes his share toward the development of his adopted country; he pays for the hospitality extended to him either with the toil of his hands or with the ingenuity of his brain, and not infrequently, also with his life-blood.

[1]The name Jonah (in Hebrew a dove) was probably chosen because throughout the Bible and Talmud the nation of Israel is repeatedly compared to a dove, e. g. יונתי בחגוי הסלע. — כנסת ישראל ליונה נמשלה וכו'. while the name בן אמתי means literally "a son of the Truth," or "the bearer of Truth."

JONAH

A YOM KIPPUR SERMON

A wonderful book is the book of Jonah which is read in the synagogue in the Minchah Service of today.

Jonah was sent by God on a mission to reform the city of Nineveh. For certain reasons known to himself, the mission was displeasing to him and therefore he sought to flee from the Lord. So he found a ship going to Tarshish, paid his fare and embarked therein. Then God sent a mighty tempest on the sea so that the ship was on the point of being wrecked. The other passengers became greatly terrified and every man cried to his God, but Jonah had gone down to a corner of the ship and there he lay fast asleep. Then the passengers said unto one another, "Come let us cast lots so that we may find out for whose sake this evil has come upon us." They did so and the lot fell on Jonah. When they took him to task, he confessed that he was fleeing from God and proposed to them that they take him and cast him forth into the sea and when they did so, the sea stopped raging.

Now, Jonah was not drowned in the sea for the Lord had a great fish in readiness to swallow him; and Jonah lived in the belly of the fish three days and three nights. While in the belly of the fish, Jonah delivered a long prayer to God and then God commanded the fish and he cast Jonah forth upon the dry land.

This time Jonah obeyed the command of the Lord; he went to the people of Nineveh and delivered God's message; the people of Nineveh believed the Lord and fasted and prayed for forgiveness. And when God saw that they sincerely turned from their evil ways, He revoked His decree of destruction and pardoned them.

The above in brief is the story contained in the book of Jonah, and it is no wonder that it was the storm-center of Biblical students from days immemorial, some scoffing at it